# דער פרשה קוואל

צוזאמען גענומען
פון די שמועסן פון

מורינו הגה"צ
רבי אברהם אלימלך
בידרמן שליט"א

ראש השנה

מכון
באר האמונה

בס"ד

# דער פרשה קוואל

פאר קאמענטארן און הערות:
mail@derparshakval.com
718.484.8136

פאר גרעסערע באשטעלונגען (USA):
Wholesale@BeerEmunah.com

באקומט די גליונות וועכנטליך אין אייער אימעיל בחינם

## זיך איינצושרייבן

לשה"ק
**באר הפרשה**
subscribe+subscribe@beerhaparsha.com

אידיש
**דער פרשה קוואל**
yiddish+subscribe@derparshakval.com

ענגליש
**Torah Wellsprings**
Torah+subscribe@torahwellsprings.com

היספאניש
**Manantiales de la Torá**
info+subscribe@manantialesdelatora.com

פראנצויזיש
**Au Puits de La Paracha**
info+subscribe@aupuitsdelaparacha.com

איטאליעניש
**Le Sorgenti della Torah**
info+subscribe@lesorgentidellatorah.com

רוסיש
**Колодец Торы**
info+subscribe@kolodetztory.com

**ארה"ב:**
Mechon Beer Emunah
1630 50th St, Brooklyn NY 11204
718.484.8136

**בארה"ק:**
מכון באר האמונה
רח' דובב מישרים 4/2
עיה"ק ירושלים תובב"א
025 688 040

**יו"ל ע"י מכון באר אמונה**
© 2026 כל הזכויות שמורות להמכון

עס איז נישט ערלויבט איבערצודריקן אויף קיין שום צורה ואופן, אויף צו פארקויפן אדער פארשפרייטן פאר אייגינע אינטערעסן אן שריפטליכע ערלויבעניש פון די מכון

# אינהאלט
## ראש השנה


בראש השנה נפקדו - מ'קען אין ר"ה אַלעס טוישן לטובה.......................... ה
ותגזור אומר ויקם לך - יעדע פשוט'ע תפילה, טוט אויפטרייסלען וועלטן............... יא
החכם עיניו בראשו - אויסנוצן יעדע רגע פון ראש השנה צום גוטן ......................... כ
כתבנו בספר פרנסה וכלכלה - דער חיוב און זכות אז מ'קען בעטן אויף פרנסה............ לג
מלך מתרצה בדמעות - פאַרגיסן טרערן ביים דאַווענען................................. לח
חדות ה' הוא מעוזכם - די גרויסע שמחה אינעם טאָג וואָס מ'קרוינט דעם קעניג........... מד
מלך על כל הארץ - זוכה זיין ביים משפט דורך שטאַרקן די אמונה........................ נ
קול דממה דקה ישמע - אין די לעצטע מינוט קען מען נאָך תשובה טוהן..................... נח
עורו ישנים - 'דערהערן' דעם קול פונעם שופר......................................... סה
יעלה זכרונם לפני לטובה - אַן עת רצון צו געהאָלפן ווערן מיט אַלע ענינים............... עו
ויעשו כולם אגודה אחת - דורך טוהן חסד קען מען בעטן פאַר 'מדת החסד והרחמים' ........ עט


**ספה"ק בת עין**

**אָמְרוּ חֲזַ"ל** (תנחומא אמור פכ"ב הובא בטור או"ח סימן תקפא) **בְּעֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְוַותֵּר לְיִשְׂרָאֵל שְׁלִישׁ עֲוֹנוֹת** עס שטייט אין מדרש אז 'ערב ר"ה' איז דער באשעפער מוחל פאר די יודן א דריטל עבירות, **וּבַעֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה שְׁלִישׁ** עשי"ת איז דער באשעפער מוחל נאך א דריטל, **וּבְהוֹשַׁעְנָא רַבָּא שְׁלִישׁ** און אין הושענא רבא נאך א דריטל, **עַד כָּאן. הִנֵּה הַמְפָרְשִׁים הִקְשׁוּ מַה תּוֹעֶלֶת יֵשׁ אִם מְוַותֵּר שְׁלִישׁ בְּעֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה** די מפרשים פרעגן וואס איז די אויפטוה אז דער באשעפער איז מוותר א דריטל עבירות אין 'ערב ר"ה', **וּבַעֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה** און נאך א דריטל אין די עשי"ת, **עַל כָּל פָּנִים עוֹד חוֹטֵא נִקְרָא** ביז דערוויל (ביז הושע"ר) איז ער נאך א זינדיגער וויל ס'איז נאך דא א דריטל וואס איז נאכנישט נמחל געווארן.

**וְנִרְאֶה לוֹמַר בְּדֶרֶךְ זֶה** ס'געפעלט מיר צו זאגן פשט אויף די ווערטער, **הִנֵּה לְמָשָׁל כְּשֶׁאָדָם חַיָּיב לַחֲבֵירוֹ ג' מֵאוֹת זְהוּבִים** למשל ווען א מענטש איז שולדיג פאר זיין חבר 300 גאלדענע רענדלעך, **וְאֵין לוֹ בַּמֶּה לְשַׁלֵּם אֲפִילוּ פְּרוּטָה אַחַת** און ער האט נישט מיט וואס צו באצאלן אפילו איין פרוטה, **וּבָא לְבַקֵּשׁ מֵאִתּוֹ שֶׁיִּמְחוֹל לוֹ** און ער קומט בעטן פון זיין חבר ער זאל אים מוחל זיין, **וְאֵין לוֹ כֹּחַ לְבַקֵּשׁ מְחִילָה** האט ער נישט די מוהט און כח צו בעטן ער זאל אים מוחל זיין, **כִּי מַסְוֶה הַבּוּשָׁה עַל פָּנָיו** ווייל די מאסק פון בושה איז אויף זיין פנים, **אִם אֵין לוֹ כְּלוּם בְּיָדוֹ לְשַׁלֵּם בְּאֵיזֶה פָּנִים יְבַקֵּשׁ מְחִילָה עַל כּוּלָּם** ווייל אויב ער פארמאגט נישט עפעס צו באצאלן מיט וואספארא פנים קען ער קומען צו איהם בעטן מוחל צו זיין די גאנצע חוב.

**וּכְשֶׁהַמַּלְוֶה רוֹאֶה אוֹתוֹ שֶׁרוֹצֶה לְקָרֵב אֵלָיו וּלְבַקֵּשׁ מֵאִתּוֹ מְחִילָה** אבער ווען דער 'מלוה' זעהט אים אז ער וויל זיך דערנענטערן צו אים און איהם בעטן מחילה, **כִּי הוּא יוֹדֵעַ עֶרְכּוֹ אֲשֶׁר אֵין לוֹ בַּמֶּה לְשַׁלֵּם** ווייל דער 'לוה' ווייסט זיין אייגענע ווערד און אז ער האט נישט מיט וואס צו באצאלן, **וּבוּשָׁה גְּדוֹלָה הוּא לוֹ לִקְרָב אֵלָיו** נאר ס'איז איהם א גרויסע בושה זיך צו דערנענטערן און בעטן מחילה, **לָכֵן נִכְמְרוּ רַחֲמָיו עַל הַלֹּוֶה וּמוֹחֵל לוֹ תֵּיכֶף מֵעַצְמוֹ שְׁלִישׁ** דערפאר ווערט זיין רחמנות דערוועקט אויף דעם 'לוה' און דער 'מלוה' איז אים גלייך פון זיך אליין מוחל א דריטל פון די חוב, **כְּדֵי שֶׁיִּרְאֶה הַלֹּוֶה שֶׁהַמַּלְוֶה הוּא רַחְמָן** כדי דער 'לוה' זאל זעהן אז דער 'מלוה' איז א בעל רחמים, **וּבָזֶה יִגַּשׁ אֵלָיו לְבַקֵּשׁ מֵאִתּוֹ מְחִילָה עַל הַנִּשְׁאָר** און אזוי וועט ער צוקומען צו איהם בעטן מחילה אויף די איבריגע חוב, **מִצַּד שֶׁיֵּדַע שֶׁהַמַּלְוֶה הוּא רַחְמָן** ווייל יעצט ווייסט ער דאך אז דער 'מלוה' איז פוהל מיט רחמנות, **וְגַם מִצַּד שֶׁהוּא חַיָּיב לוֹ פָּחוֹת מְעַט** און אויך דערפאר ווייל יעצט איז ער דאך שוין שולדיג אביסל וויינעגער געלט. **וְאַחַר כָּךְ כְּשֶׁמְּבַקֵּשׁ מֵאִתּוֹ מְחִילָה מוֹחֵל לוֹ עוֹד שְׁלִישׁ** און דערנאך ווען דער 'לוה' בעט ער זאל אים מוחל זיין נאך א דריטל פון די חוב איז אים טאקע מוחל נאך א דריטל, **בִּכְדֵי שֶׁיְּבַקֵּשׁ עוֹד עַל הַשְּׁאָר** ווייל דער 'מלוה' וויל אז דער 'לוה' זאל אים ווייטער בעטן צו מוחל זיין די לעצטע דריטל, **כִּי רוֹצֶה הוּא בְּבַקָּשָׁתוֹ וּתְפִלָּתוֹ** ווייל דער 'מלוה' וויל אז דער 'לוה' זאל צו איהם בעטן און דאווענען, **עַד שֶׁמּוֹחֵל לוֹ הַכֹּל** ביז צום סוף איז ער אים מוחל די גאנצע חוב. **כֵּן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מוֹחֵל לָנוּ מְעַט מְעַט** אזוי איז אונז דער באשעפער מוחל צוביסלעך אביסל אביסל, **וְרוֹצֶה בִּתְפִלָּתֵנוּ** און דאס איז ווייל ער וויל אונזערע תפילות צו אים, **שֶׁיִּקוּבְּלוּ לְרָצוֹן לְפָנָיו** וואס זאל טאקע אנגענומען ווערן מיט ווילען פאר אים. **אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן.**

**(בת עין, ראש השנה)**


תשו"ח להוצאת "גליון בת עין" באידיש

סדר ועימוד: א.י.ש. אשדוד

# ראש השנה

בראש השנה נפקדו - מ'קען אין ר"ה אַלעס טוישן לטובה די גמרא זאָגט (ר"ה י.) אַז אין ראש השנה זענען שרה, רחל, און חנה נפקד געוואָרן מיט קינדער. זאָגט דער מהרש"א (דף יא., ד"ה 'אתיא'), אַז צוליב דעם טעם ווערט ראש השנה אָנגערופן 'יום הזכרון', ווייל אין דעם טאָג קומען ארויף דער זכרון פון אַלע באַשעפענישן צום גוטן אָדער פאַרקערט ח"ו. און דאָס האָט פאַסירט מיט שרה, רחל און חנה, וועלכע זענען געווען עקרות מצד זייער טבע און מזל, איז זייער זכרון אַרויפגעקומען צום גוטן אין ראש השנה, צו טוישן זייער טבע[א], עכ"ל.

**א.** ס'איז באקאנט אז דער גאון בעל 'חפץ חיים' זי"ע האָט געזאָגט פאַרוואָס מ'לייענט ראש השנה די פרשה פון 'וה' פקד את שרה', ווייל די פקידה פון יצחק איז געווען קעגן די טבע, ווייל לויט'ן טבע האָט שרה אמינו ע"ה שוין נישט געקענט האָבן קינדער (יבמות סד:). דאָס קומט אונז צו לערנען, אַז **ראש השנה איז אַ צייט פון איבערקערענישן לטובה ולברכה, למעלה מדרך הטבע, און אויך אויב דער מענטש האָט געליטן צרות ח"ו ביז יעצט, פאַנגט ער יעצט אָן אַ 'נייע בלעטל', און אַלעס וועט איבערגעדרייט ווערן צום גוטן.** ('חפץ חיים' עה"ת, און 'החפץ חיים, חייו ופעלו')

## מן הבאר

די גמרא (ר"ה ג:) דערציילט, אז ווען נחמיה הנביא האָט געהערט איבער די פילע צרות און בזיונות וואָס עסליידן די אידן וואָס זענען איבערגעבליבן אין ירושלים, איז זיין פנים געוואָרן אראָפּגעלאָזט. ווען די קעניג האָט אים געזען, האָט ער אים געפרעגט, פאַרוואָס ער זעט אויס אזוי שלעכט, די ביסט דאָך נישט קראַנק. עס מיז זיין - האָט דער קעניג געזאָגט - אז די האָסט בייזוויליגע פלענער און מחשבות קעגן די מלכות. האָט נחמיה געענטפערט, "יחי המלך, איך האָב נישט קיין שום שלעכטע געדאַנקען, אבער וויאזוי קען איך נישט זיין צובראָכן ווען ירושלים, דער שטאָט פון מיינע אבות, איז חרוב און אירע טויערן זענען פאַרברענט". דאַן האָט אים די קעניג געשיקט צו גיין און אויפבויען די צווייטע בית המקדש.

דאַרף מען פאַרשטיין, צו האָט דען דער קעניג נישט געוויסט אַז אזוי איז דער סדר פון מענשטן, אז צומאָל שטייט מען אויף צופרי אויף די לינקע זייט? הייינט איז ער פונקט נישט אין די גיסטע... היינט איז ער נישט אין די כלים... נו אויב אזוי, פאַרוואָס האָט דער קעניג תיכף אָפּגעמאַכט אַז אויב זיין פנים זעט אויס געפאַלן, איז דאָס אַ סימן אויף בייזוויליגע מחשבות און אַז ער איז אַ מורד במלכות?

זענען די ספרים מסביר, ווייל אינעם קעניג'ס הויז איז דא אַלעס. אַלע סאָרט שפע און ברכה וואָס אַ מענטש דאַרף, קען אים דער קעניג געבן - 'כלום חסר בבית המלך'. דעריבער, אויב אַ מענטש געפינט זיך ביים קעניג אין פאַלאַץ, **מיז** ער זיין העכסט-צופרידן! דאָס האָט דער קעניג ג'טענה'ט צו נחמיה הנביא, אויב דיין פנים שטראַלט נישט פאַר שמחה, און די ביסט נישט קראַנק, דאַן **מיז** זיין אַז עס וועבן זיך אין דיר שלעכטע געדאַנקען און די ביסט אַ מורד במלכות.

די זעלבע איז מיט אונז. אין ראש השנה געפונען מיר זיך אַלע אינעם קעניג'ס פאַלאַץ, ווייל מיר טוהן דאָך קרוינען דעם קעניג מיט'ן זאָגן מלכיות, און בכלל איז דער גאַנצער טאָג געשטעלט אויף צו ממליך זיין דעם אויבערשטן. אַלע אוצרות ליגן יעצט אין אונזערע הענט, אַלעס איז אפען פאַר אונז - מ'דאַרף נאָר בעטן. דעריבער **מיזן** מיר אין דעם טאָג זיין בשמחה און אויפגעלייגט, מיט אַ פנים וואָס שטראַלט פאַר פרייד, ווייל אויב נישט קען דאָך דער קעניג פרעגן 'פאַרוואָס ביזטו היינט מיט אַ פאַרזויערטע פנים?' אויב מיר וועלן זיין פריילִיך און צופרידן, דאַן וועלן מיר זוכה זיין צו באַקומען פונעם קעניג אַלע גיטע השפעות, ווי עס פאַסט זיך פאַר אַ 'קעניגליכע מתנה', און ווי געזאָגט, פעלט דאָך גאָרנישט ביים קעניג אין פאַלאַץ.

די ווערטער פונעם מהרש"א זענען אַזוי ווי אַ 'מועט המחזיק את המרובה', וויל דער מהרש"א שרייבט דאָ אין געציילטע ווערטער, וועגן די גרויסקייט פון דעם הייליגן טאָג, אַז מ'קען אין ראש השנה איבערדרייען אַלע טבעיות'ן און מזלות, און עס צו טוישן לטובה ממש 'מן הקצה אל הקצה'!

**מורא'דיגע** ווערטער, שרייבט דער 'שם משמואל' (ר"ה שנת עדר"ת, ד"ה 'נראה'), אַז די גרעסטע ענדערונג וואָס קען פאַרקומען אין די בריאה, וואָס אַזוינס איז נאָך נישט געווען אויף דער וועלט, איז איבערצודרייען דעם עובר פון אַ זכר צו אַ נקיבה, און אַזאַ ענדערונג האָט פּאַסירט אין ראש השנה.

**דער** 'שם משמואל' לערנט עס פון די ווערטער פונעם פיוט (שחרית ליום א' דראש השנה), 'זכר לה יושר ארחות, עובר להמיר בבטן אחות, חושבה כהיום זכרה להאחות', אַז אין ראש השנה איז דער זכר וואָס לאה אמינו ע"ה האָט געדאַרפט געבוירן, איבערגעדרייט געוואָרן צו אַ מיידל, און יענעם יאָר איז געבוירן געוואָרן דינה. זעט מען פון דעם אַז דער טאָג איז 'מוכן ומזומן' צו מאַכן דערין 'איבערקערענישן'[ב].

**דער** טעם דערפון איז, ווייל אין ראש השנה ווערט די וועלט באַשאַפן פונדאַסניי, אָן קיין שום שייכות צו דעם וואָס ס'איז געווען פריער, און אפילו אויב אין די 'פריערדיגע וועלט' איז זיין מזל געווען שלעכט ח"ו, פאַנגט זיך יעצט אַלעס אָן פונדאַסניי, און דער מענטש ווערט אַזוי ווי אַ ניי-געבוירן קינד, ווי הרה"ק רבי פנחס'ל קאָריצער זי"ע האָט געזאָגט ('אמרי פנחס השלם', אות תפא), אַז דער טאָג איז אַזוי ווי מ'נעמט אַ שטיקל זאַלץ וואָס ווערט אָנגערופן 'טאַלפין', און מ'קאָכט עס אָפּ אין אַ טאָפּ צו מאַכן אַ נייעם 'טאַלפין'. דאָס גאַנצע זאַלץ ווערט דאָרט אויסגעמישט און עס ווערט איבערגעדרייט פון אויבן אַראָפּ און פון אונטן אַרויף, אַזוי אַז מ'קען שוין אפילו נישט דערקענען וועלכעס פון זיי איז געווען דאָס אויבערשטע, און וועלכער זאַלץ איז געווען אונטן. דאָס זעלבע איז מיט די איבערקערעניש

ב. דער 'שם משמואל' פירט אויס, אַז אַ יעדע איד זאָל זיך פון דעם אַרויסלערנען, **אַז ס'איז נישט דאָ אַ צייט וואָס איז מער געאייגענט איבערצודרייען דעם מזל פון שלעכטן צום גוטן ווי ראש השנה**, ווייל אויב ביי ענינים פונעם גוף האָט אַזוי פּאַסירט ביי לאה, איז דאָך אַוודאי אַז ביי ענינים פון די נשמה, איז דער מענטש בכח צו מאַכן גרויסע מהפיכות פאַר זיך, עס זאָל אים שטענדיג זיין גוט.

ענליך זאָגט דער 'שם משמואל' (ר"ה תרע"ד, ד"ה 'מנהגנו') אַ טעם פאַרוואָס מ'פירט זיך די יעצטיגע טעג אַז מ'טינקט איין אין האָניג, ווייל האָניג איז אַ טהור'ע זאַך וואָס קומט אַרויס פון אַ טמא'נע זאַך (די בין וואָס גיט אַרויס דעם האָניג, איז טמא). קומט אויס, אַז דער טמא און איסור ווערט איבערגעדרייט צו אַ 'היתר גמור' (אויך טוט די בין 'רודפ'ן' דעם מענטש און בייסט אים, און האָניג איז די זיסטע זאַך), און נישט נאָר דאָס, נאָר יעדע טמא'נע זאַך וואָס פאַלט אַריין אין האָניג, ווערט עס מותר צו עסן, ווייל עס ווערט איבערגעדרייט צו זיין אַזוי ווי האָניג (שו"ע יו"ד סי' פ"א, ס"ח). פון דעם לערנען מיר, אַז **אַזוי זענען מיר בכוח איבערצודרייען אונזער גאַנצן מצב ברוחניות ובגשמיות אין דעם טאָג, און איבערצודרייען די דינים זיי זאָלן ווערן אָפּגענעע רחמים.**

אַזוי שרייבט אויך הרה"ק רבי משה'לע קאָזשניצער זי"ע ('דעת משה', לאלול, ד"ה 'איתא בילקוט') אַז ער געדענקט פון זיינע יונגע יאָרן, אַז ער פלעגט זיך אייביג וואונדערן אויף זיין טאַטן דעם הייליגן קאָזשניצער מגיד זי"ע, **אַז ער איז געווען 'זייער פרייליך' אין ראש השנה.** לכאורה, אין דעם טאָג פון דין, 'לשמחה מה זו עושה', וואָס האָט ער געהאַט צו זיין אַזוי פרייליך. אָבער לויט ווי מיר האָבן געזאָגט, וויבאַלד עס איז דער אָנהייב פונעם יאָר, **קומט אַראָפּ קדושה און טהרה און 'אַלעס גוטס' פאַר אַלע טעג פונעם קומענדיגן יאָר הבעל"ט.**

הרה"ק בעל 'אמרי אמת' זי"ע, האָט איין יאָר פאַר ראש השנה געזאָגט צו עטליכע יונגעלייט וואָס האָבן אינוועסטירט געלט אין אַ געשעפט, און האָבן ליידער פאַרלוירן זייער גאַנצן פאַרמעגן, בלייבנדיג ממש בעירום ובחוסר כל רח"ל, אַז די גמרא זאָגט, אַז ראש השנה איז יוסף אַרויסגעקומען פון תפיסה און עס האָבן זיך באַלד אָנגעהויבן די זיבן זאַטע יאָרן אין מצרים. זעען מיר דעם גרויסן כח פון ראש השנה, אַז דער מצב פון אַ מענטש קען ווערן איבערגעדרייט, ממילא, דאַרף מען זיך שטאַרקן און מתפלל זיין, און דער אויבערשטער וועט ווידער אויפהייבן ענקער מזל צו גיין העכער און העכער.

אין ראש השנה. אַלעס ווערט דעמאָלט איבערגעדרייט צו ווערן באַשאַפן פונדאָסניי.

**אויך** זאָגט די גמרא (ראש השנה, דאָרט), אַז אין ראש השנה איז יוסף אַרויסגעקומען פון תפיסה אין מצרים, און אין ראש השנה איז בטל געוואָרן די שווערע אַרבעט פון אונזערע עלטערן אין מצרים. זעען מיר פון דעם, אַז יעדע ישועה וואָס פּאַסירט אויף דער וועלט, פאַר דעם יחיד, און פאַר אַ רבים, ווערט פאַרשריבן אין ראש השנה, ווי דער גאון בעל 'שואל ומשיב' זצ"ל שרייבט, אַז די אמהות זענען געהאָלפן געוואָרן מיט קינדער אין דעם טאָג פון ראש השנה, און אַלע טובות און השפעות פון קדושה ווערן נשפע אין דעם טאָג. 'זה היום תחילת מעשיך' - די וועלט ווערט באַנייט, אַזוי ווי ביים אָנהייב פון די בריאה.

**דאָס** איז געזאָגט געוואָרן פאַר יעדן איד, 'זה היום תחילת מעשיך', צו שטיין און זיך באַנייען אין דעם טאָג, סיי ברוחניות - אין תורה און עבודת השם יתברך, און סיי בגשמיות - ביי אַלע ענינים פון לעבן, פּרנסה, געזונט, רפואות און ישועות און אַלע אַנדערע השפעות. יעדער איד איז בכח צו פועל'ן פאַר זיך אין ראש השנה, אַ זיס לעבעדיג יאָר, שנה טובה ומתוקה בבני[ג] חיי ומזוני[ד], און אַרויסגיין פון די אייגענע 'תפיסה'

---

**ג.** רש"י זאָגט (יבמות סד:, ד"ה 'שלש פקידות'), אַז **דער אויבערשטער געדענקט די עקרות צו הערן זייער תפילה אין ראש השנה, און ער איז גוזר אַז זיי זאָלן האָבן קינדער.**

עס שטייט אין ספר 'זרע קודש' (ר"ה, ד"ה 'וה' פקד'), אַז **ראש השנה, ווען די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן, איז די צייט פון פקידת עקרות.**

אַזוי שרייבט אויך דער 'אמרי נועם' (ר"ה, ד"ה 'בנוסח'), אַז די ראשי תיבות פון די ווערטער **'נפקד כהיום הזה'** (וואָס מיר זאָגן אין 'ונתנה תוקף') איז 'הנ"ך', וואָס איז דער שם וואָס איז ממונה **אויף קינדער**, אַזוי ווי דער פּסוק זאָגט (בראשית טז, יא) 'הנך הרה ויולדת בן' וגו'. אויף אַן אַנדער אָרט (אות יב) שרייבט דער 'אמרי נועם', אַז די ווערטער **'וידגו לרוב בקרב הארץ'** באַטרעפן די זעלבע ווי די צוויי ווערטער **'ראש השנה'.**

דער 'תפארת שלמה' שרייבט (ליוה"כ, ד"ה 'רב איקלע'), אַ רמז אין די ווערטער 'כמה יעברון וכמה יבראון'. 'כמה יעברון' - **וויפיל עקרות זאָלן ווערן טראָגעדיג אין דעם יאָר.** 'וכמה יבראון' - **וויפיל חולים זאָלן ווערן געזונט.**

דער גערער רבי, הרה"ק בעל 'פני מנחם' זי"ע, האָט אַמאָל געזאָגט צו אַ יונגערמאַן וואָס האָט געוואַרט אַ לאַנגע צייט געהאָלפן צו ווערן מיט קינדער, ער זאָל אין זינען האָבן ביי די ווערטער **'כמה יעברון'** **געהאָלפן צו ווערן מיט אַ ישועה**, און ער האָט צוגעגעבן, אַז די דאָזיגע סגולה איז **'בדוק ומנוסה'.**

ענליך שרייבט שוין דער אַפּטער רב זי"ע, אין 'אוהב ישראל' (ליקוטים חדשים, ימים נוראים), אַז מיר לייענען דעם ערשטן טאָג ראש השנה די פּרשה פון 'וה' פקד את שרה', ווייל **מיט דעם קענען מיר ממשיך זיין אַ ישועה פאַר עקרות געהאָלפן צו ווערן מיט קינדער** (אין פרשת ויצא, שרייבט דער אַפּטער רב זי"ע דאָס זעלבע ווען זאָגן די דאָזיגע פרשה אַגאַנץ יאָר).

בדרך אגב, עס שטייט אין ספר 'הנייר' (מתקופת בעלי התוס'), אַז ראש השנה בשעת קריאת התורה, זאָל יעדער זען צו תשובה טוהן אין האַרצן, ווייל דעמאלטס איז דעם אויבערשטנס האנט אפען און גרייט צו מקבל זיין יעדעם איינעם.

הרה"ק בעל 'חידושי הרי"ם' זי"ע האָט געזאָגט, אַז כאָטש מיר האָבן נישט די מינדעסטע השגה אין אונזערע הייליגע אבות און אמהות, אָבער פון די גמרא וואָס זאָגט אַז שרה און רחל זענען נפקד געוואָרן אין ראש השנה, זעט מען קלאָר **אַז אפילו זיי האָבן נישט געקענט אויס'פועל'ן פאַר זיך אַ ישועה צו האָבן זרע של קיימא, נאָר אין ראש השנה,** צוליב די גרויסע סגולה פונעם טאָג.

קען מען פון דעם לערנען אַ 'קל וחומר, בן בנו של קל וחומר' פאַר אונז, ווי ווייט מיר דאַרפן זיך משתדל זיין מיט אַלע כוחות אויסצונוצן דעם הייליגן טאָג ראש השנה, 'כי ממנו תוצאות חיים'.

**ד.** הרה"ק רבי לייבעלע איגר זי"ע זאָגט ('תורת אמת', יום שני דראש השנה תרל"ט), **אַז אין ראש השנה ווערן נתעורר אַלע השפעות טובות - בני, חיי, ומזוני**, ווייל ס'איז אין דעם טאָג נשפע געוואָרן ביי בריאת העולם. **'בני'** - ווייל אין דעם טאָג האָט דער אויבערשטער געזאָגט (בראשית א, כח) 'פרו ורבו', און אַזוי ווי ס'איז געווען בפועל. **'חיי'** - ווייל ביי די בריאה פון אדם הראשון זאָגט דער פּסוק (שם ב, ז) 'ויפח באפיו נשמת חיים, ויהי האדם לנפש חיה'. **'מזוני'** - פּרנסה, איז שוין אויך צוגעגרייט געוואָרן ביי בריאת העולם, ווען דער אויבערשטער האָט געזאָגט (שם, פסוק יא) 'תדשא הארץ'.

- יעדער איינער אויף זיין אייגענעם אופן[ה]. עס ווענדעט זיך נאָר אין אונז אַליין: 'ותשובה ותפלה וצדקה מעבירין את רוע הגזירה'[ו].

**ותגזור אומר ויקם לך - יעדע פשוט'ע תפילה, טוט אויפטרייסלען וועלטן**

די משנה זאָגט (ב"מ קה:), און אַזוי ווערט געפּסק'ענט אין שו"ע (חו"מ סי' שכ"ב ס"ב) אַז אויב אַ מענטש האָט געדינגען אַ פעלד ביי אַ צווייטן אויף אַ יאָר פאַר אַ באַשטימטן סכום, און עס האָט פּאַסירט אַ 'מכת מדינה', דאָס פעלד איז פאַרפלייצט געוואָרן און די תבואה איז קאַליע געוואָרן צוזאַמען מיט אַלע פעלדער פונעם לאַנד, דאַרף דער מענטש וואָס האָט עס געדינגען אויפ'ן יאָר, נישט באַצאָלן פאַר'ן פעלד, ווייל אַלע פעלדער זענען פאַרפלייצט געוואָרן, און עס ווערט גערעכנט ווי ער האָט נישט באַקומען אַ פעלד אויפ'ן יאָר.

די גמרא (שם קו.) קלערט אַריין, אַז אויב דער פאַרדינגער האָט אים געהייסן איינזייען ווייץ, און אנשטאט דעם האָט ער איינגעזייט גערשטן, און די גערשטן זענען פאַרפלייצט געוואָרן, צי איז דער דינגער מחויב צו באַצאָלן פאַר'ן פעלד. צו זאָגט מען אז וויבאַלד אַלע פעלדער זענען דאָך פאַרפלייצט געוואָרן אין דער 'מכת מדינה', דעריבער איז דער שאָדן פאַר'ן בעה"ב פונעם פעלד, און

---

דער קאָלושינער רבי, הרה"ק רבי מאיר שלום זי"ע, האָט געזאגט **'מי לא נפקד כהיום הזה' - ווער ווערט דען נישט געהאָלפן מיט אַלע סאָרטן ישועות אין דעם טאָג פון ראש השנה.** ("נפקד" איז פון לשון געהאלפן, "וה' פקד את שרה")

**ה.** אַ 'מאמר נורא' האָט געזאָגט הגה"צ רבי יצחק הוטנער זצ"ל, ביי זיין דרשת הספד אויף הרה"ק מסאטמאר זי"ע - אַ זאַך וואָס איז ממש נוגע פאַר אונז, אין די יעצטיגע טעג. אין פרשת נח זאָגט די פסוק (ז כג), 'וימח את כל היקום וכו' וישאר אך נח ואשר אתו בתבה'. ברענגט דאָרט רש"י (די דריטע פשט), אַז נח האָט געשפעטיגט צו ברענגען דאָס עסן פאַר די לייב און די לייב האָט אים געביסן. און רש"י זאָגט, אַז אויף נח איז געזאָגט געוואָרן די פסוק: 'הן צדיק בארץ ישולם' (משלי יא, לא.) דאַרף מען פאַרשטיין, פאַרוואָס טאַקע איז זיך געקומען פאַר נח אַ 'עונש', אזוי ווייט, אז רש"י ברענגט דעם פסוק ווי עס שטייט, אַז אַ צדיק צאָלט אָפּ זיינע עבירות אויף דער וועלט. סוף כל סוף איז דאָך נח געווען פאַרנומען טאָג און נאַכט מיט אַלע בהמות און חיות, און דאָס גאַנצע וואָס האָט פּאַסירט איז געווען, אַז ער האָט געשפעטיגט מיט בלויז עטליכע מינוט צו געבן דאָס עסן פאַרן לייב... נו, קומט אים דען אַזאַ שטראָף?!

נאָר די פשט איז, ווייל ס'איז אמת אַז נח האָט טאַקע געהאַט אַלע תירוצים אויף די וועלט, אמת'ע און ריכטיגע, פאַרוואָס ער האָט געשפעטיגט. **אבער, בשעת א סכנה, ווען די גאַנצע וועלט האַלט אינמיטן חרוב ווערן**, און נח איז באַאויפטראַגט געוואָרן מיט די אחריות צו היטן אויף דעם **איינציגסטן** לייב (אַלע אַנדערע לייבן זענען דאָך צוגאנגען אינעם מבול), און אויב ער וועט אים נישט היטן ריכטיג דאַן וועט מער נישט בלייבן קיין לייבן אויף דער וועלט, **אין אַזאַ צייט, העלפט נישט קיין שום תירוץ אויף דער וועלט.** אין אַזאַ צייט דאַרף מען היטן נאָך מער און נאָך שטערקער, און געדענקן אַלע באַדערפענישן פינעם לייב, כדי עס זאלן בלייבן לייבן אויף דער וועלט. (דערמיט האָט ער געמיינט צו זאָגן ביי זיין הספד, אַז הרה"ק מ'סאטמאר זי"ע איז געווען פון די פריער'דיגע 'דור דעה', און אויך שפעטער איז ער איבערגבליבן אַלס דער איינציגסטער קשר וואס מיר האָבן געהאַט צו די פריער'דיגע צדיקים, דעריבער דאַרפן מיר וויינען אויף די גרויסע פאַרלוסט וואָס די דור האָט פאַרלוירן)

לדידן ייאמר, דער טאָג 'ראש השנה', איז דער **איינציגסטער** טאָג ווען אַלעס וואָס גייט פּאַסירן אינעם גאַנצן קומענדיגן יאָר, גייט פאַרשריבן ווערן. **'אריה שאג מי לא יירא'. אין אַזאַ צייט, וועט נישט העלפן קיין טענה אדער תירוץ אויף דער וועלט**, אויך אויב די ביסט הונדערט פראצענט גערעכט! די ביסט מחויב צו אָפּהיטן און אכטונג געבן אויף די יעצטיגע טעג מער ווי אַלעם אויף דער וועלט, און אזוי ארום וועלן מיר זוכה זיין צו א זיס, לעבטיג און געבענטשטע יאָר.

**ו.** מיר האבן געהערט א שיינעם רמז אין די ווערטער **'לא-ל עורך דין'**. א לויער'ס תפקיד איז צו פארטיידיגן דעם מענטש וואס האט אים געדינגען, אויפוויזן זיינע טענות און אים זוכן זכותים. דער שופט, ווידער, מוז זוכן די אמת און זיין גלייך צו ביידע זייטן. דערפאר בעטן מיר אז דער אייבערשטער זאל זיך כביכול פירן מיט אונז ווי א 'עורך דין' - 'א לויער' וואס שטייט אויף אונזער זייט און וויל פארענדיגן דעם דין לטובתנו. מיר האבן דאך דיר 'געדונגען' דורך - תשובה, תפילה און צדקה.

ניסט פאַר דעם וואָס האָט עס געדינגען. אָדער זאָגט מען, אַז דער פעלד-אייגנטימער קען אים זאָגן, אויב דו וואָלסט איינגעזייעט ווייץ, אַזוי ווי איך האָב דיר באַפוילן צו טוהן, וואָלט ביי מיר מקויים געוואָרן דער פסוק (איוב כב, כח) "ותגזר אומר ויקם לך", און רש"י טייטשט (ד"ה "ותגזר") 'מה שתבקש מהיוצר, יעשה' - וואָס דו וועסט נאָר בעטן פון דעם באַשעפער, וועט ער טוהן פאַר דיר. דעריבער קען דער אייגנטימער פון פעלד זאָגן, 'איך האָב נישט געבעטן דעם אויבערשטען אָנהייב יאָר אַז ער זאָל דיר געבן הצלחה ביי גערשטן, נאָר ביי ווייץ'.

די גמרא פירט אויס אַזוי ווי דער צווייטער צד פונעם ספק, אַז מ'נעמט אָן די טענה פונעם בעה"ב פון פעלד, און מ'זאָגט אַז וויבאַלד ער האָט מתפלל געווען אין ראש השנה אַז דער אויבערשטער זאָל אים געבן הצלחה אין די 'ווייץ' וואָס מ'וועט איינזייען אין זיין פעלד, וואָלט ער אַוודאי מצליח געווען ביי די ווייץ, באַטש אַלע מענטשן פון לאַנד האָבן שאָדן געהאַט זייערע תבואות, נאָר וויבאַלד דער מענטש וואָס האָט געדינגען האָט געטויששט, און איינגעזייט דאָרט גערשטן, האָט ער שאָדן געהאַט צוזאַמען מיט אַלע מענטשן פון לאַנד, ווייל אויף דעם האָט ער דאָך נישט געבעטן אָנהייב יאָר.

זעען מיר דאָ דעם ריזן כח פון תפילה. און נאָך מער, די דערמאַנטע הלכה, איז נישט געזאָגט געוואָרן דווקא אויב דער וואָס פאַרדינגט דאָס פעלד איז איינער פון די 'צדיקי הדור', אָדער אַמוויינינגסטענס פון די ל"ו צדיקים נסתרים, נאָר יעדער איד - יהיה מי שיהיה - איז בכח צו טענה'ן, "איך האָב אָנהייב יאָר מתפלל געווען אויף די הצלחה פון ווייץ, און איך בין זיכער, אַז אויב דו וואָלסט מיך געפאָלגט און איינגעזייט ווייץ, וואָלט די תבואה נישט קאַליע געוואָרן, אַפילו ווען עס איז אַ 'מכת מדינה'..! און מיט אט די טענה, נעמט מען אַרויס געלט פון דעם דינגער, ע"פ דין תורה. אויב עס וואָלט געווען אַפילו אַ 'ספק-ספיקא' אַז די תפילה וועט נישט העלפן, ווי אַזוי קען ער אַרויסנעמען געלט פון אים? מיר האָבן דאָך אַ כלל, 'המוציא מחבירו עליו הראיה'. אלא מאי, זעען מיר פון דאָ, אַז די תפילה פון יעדן איד העלפט אין די הייליגע טעג, אַזוי ווי די תפילה פונעם צדיק הדור'! ממילא איז ער זיכער אַז זיין תפילה וועט אָנגענומען ווערן פאַר'ן באַשעפער.

---

**ז.** זיי גיבן צו אַ וואונדערליך וואָרט. דער פסוק 'ותגזר אומר ויקם לך' איז געזאָגט געוואָרן וועגן חוני המעגל (תענית כג.), וואָס האָט מיט זיין תפילה אַלעס גע'פועל'ט אין הימל, ווי אַ זון וואָס בעט זיך ביי זיין טאַטע און ער גיט אים נאָך זיין באַגער. פון דעם לערנען מיר, אַז **יעדער 'פשוט'ער איד' איז בכח אין ראש השנה, צו פועל'ן מיט זיין תפילה, פונקט אַזוי ווי חוני המעגל...**

אָט איז אַ אַ מורא'דיגע מעשה וואס ווייזט קלאר דעם שטארקן כח פון תפילה, אַז עס איז בכח מבטל צו זיין אַלע שלעכטע גזירות און אפילו טוישן דעם גאנצן טבע פון די וועלט. אונזערס אַ באַקאַנטער, אַ חשובער איד, האָט זיך נישט גוט געפילט דורכאויס דעם זומער פון יאָר תשפ"ב. חודש אייר איז ער געגאַנגען צו אַ דאָקטאָר צו מאַכן טעסטן, און די אונטערזוכונגען האָבן ליידער געוויזן אויף אַ 'מאָטאַציע'. צוויי חדשים שפּעטער, **חודש תמוז**, האָט דער דאָקטאָר עס אַדורכגערעדט דעם ענין מיט אַ ספעציאַליסט, וועלכער האָט פעסטגעשטעלט אז די רעזולטאַטן שטימען מיט דער מחלה רח"ל, און ער האט צוגעלייגט אז מ'מוז דעם איד ברענגען וואָס פריער פאַר באַהאַנדלונגען אין מעטאָענקאָלאָגישן קליניק פון 'דוידוף ביילינסאָן'.

**י' אלול**, נאָכדעם ווי ער האָט געהאַט זיין 'אַפּאָינטמענט' צו קומען אין דאַווידאָף שפיטאָל, איז ער געגאַנגען פריוואַט צו דאַקטאר קאַוואַרסקי (דאָס איז דער דאָקטאָר מיט וועמען דער ערשטער דאָקטאָר האט זיך באַראַטן), כדי צו פאַרשטיין פונקטליך וואס די טעסטן האָבן געוויזן. דאָקטאָר קאָוואַרסקי האט אים קלאָר געזאָגט אַז די טעסטס זענען זייער פונקטליך, און ס'איז נישטאָ קיין שום מעגליכקייט אז נייע טעסטן וועלן ברענגען אַנדערע רעזולטאַטן. האָט דער איד געבעטן דעם דאָקטאָר, היות מ'דערנענטערט זיך יעצט צו די ימים נוראים, און **מיט'ן כח פון תפילות און מעשים טובים קען מען אַלעס איבערדרייען**, בעט ער אַלזאָ מ'זאָל מאַכן אויף אים נאָך אַ טעסט נאָך די ימים טובים פון חודש תשרי. דער דאָקטאָר האָט מסכים געווען, און ער האָט אים באַשטעלט אַן 'אַפּאָינטמענט' צו קומען אין דעם מעטעאָלאָגישן קליניק אין 'ביילינסאָן' שפּיטאָל **ה' חשון תשפ"ג**.

ווען ער איז געקומען **ה' חשון תשפ"ג**, האָט מען דורכגעפירט נאָך אַמאָל די 'טעסטן', און מ'האָט אים באַשטעלט צו קומען אַ חודש שפּעטער, **י' כסלו**, כדי אָנצוהייבן די באַהאַנדלונגען. ווען ער איז אָבער געקומען י' כסלו אין



הודפס מאתר כללית און-ליין ב-07.06.2022

כללית

**תדפיס תוצאות בדיקה מתוך אתר "כללית און-ליין"**

מספר תעודת זהות [redacted]

תאריך ביצוע הבדיקה: 19.05.2022 [redacted]

| שם הבדיקה | תוצאה | התוצאה ביחס לטווח הנורמה |
|---|---|---|
| PCR JAK2 | | |

ח' סיון תשפ"ב



כללית

סיכום יעוץ

[redacted]

MYELOPROLIFERATIVE SYNDROME

א' תמוז תשפ"ב



ד"ר עידית פזגל Idit Pazgal, MD

מומחית להמטולוגיה ולרפואה פנימית

תאריך 6.9.22

לכבוד
הרופא/ה המטפל/ת

הנדון

ד"ר נכבד/ה

המוגלובין 17.7, המטוקריט 54, RBC של 5.91, לויקוציטים 12000, טסיות 169

JAK2 חיובי

פריטין 19, B12 בנורמה, FA בנורמה

סונר בטן כבד וטחול תקינים

ברקע

עישון

סיכום: אריתרוציטוזיס, מתאים למחלה מיאלופרוליפרטיבית מסוג PV

המלצות:

ברכה,
ד"ר עידית פזגל

ו' אלול תשפ"ב
חוות דעת נוספת



מרכז רפואי רבין בית חולים בילינסון
כללית

**סיכום ביקור אמבולטורי - מרפאת המטולוגיה**

תאריך ביקור: 30/10/2022 מספר קבלה: 2022806851

שם משפחה:
שם פרטי:
כתובת:
טלפון:
סוג דם:

מנהלת המערך ההמטולוגי: פרופ' פיה רענני
מנהלת יחידה: פרופ' רענני פיה
מ.ר. 21004
אחות אחראית: סעיד סידאווי
טלפון: 03-9378221
פקס: 03-9378206

**סיבת הפניה/תלונה/מחלה נוכחית**

אריטרוציטוזיס.
המוגלובין 17.7 המטוקריט 54, RBC של 5.91 לויקוציטים 12000, טסיות 169.
JAK2 חיובי?
אריטרופויטין 5.6
פריטין 19, B12 בנורמה, FA בנורמה
סונר בטן - כבד וטחול תקינים.

ברקע:
, טיפול אנטיביוטי ממושך.
עישון - הפחית, כ 15 סגריות ליום.
הוחל טיפול באספירין.
הבוקר מעבדה מלאה כולל JAK2 ואקסון 12.
אריטרופויטין.
ביקורת חודש.

**לא ידועה רגישות לתרופות**

המשך טיפול:
--
לא

**סיכום והמלצות**
ביקורת חודש.

**דיווח פעולות:**

| קוד שירות | כמות | פעולה | תאריך | נרשם ע"י |
|---|---|---|---|---|
| 70087 | 1 | בדיקת רופא המטולוג במרפאה | 09:19 30/10/2022 | ד"ר פזגל עידית מ.ר.30334 |

נחתם ע"י: ד"ר פזגל עידית מ.ר.30334 חתימה: ________

ה' חשון תשפ"ג



מרכז רפואי רבין בית חולים בילינסון
כללית

**סיכום ביקור אמבולטורי - מרפאת המטולוגיה**

תאריך ביקור: 04/12/2022 מספר קבלה: 2022907389

שם משפחה:
שם פרטי:
כתובת:
טלפון:
סוג דם:

מנהלת המערך ההמטולוגי: פרופ' פיה רענני
מנהלת יחידה: פרופ' רענני פיה
מ.ר. 21004
אחות אחראית: סעיד סידאווי
טלפון: 03-9378221
פקס: 03-9378206

**סיבת הפניה/תלונה/מחלה נוכחית**

אריטרוציטוזיס.
המוגלובין 17.7 המטוקריט 54, RBC של 5.91 לויקוציטים 12000, טסיות 169.
JAK2 חיובי?
אריטרופויטין 5.6
פריטין 19, B12 בנורמה, FA בנורמה
סונר בטן - כבד וטחול תקינים.
ברקע:
סכרת
השנה אושפז עקב רגל סכרתית, אבצס, טיפול אנטיביוטי ממושך.
עישון - הפחית, כ 15 סגריות ליום.
הוחל טיפול באספירין.
הבוקר מעבדה מלאה כולל JAK2 ואקסון 12.
אריטרופויטין.
ביקורת חודש.
4.12.22
תורבה:
JAK2 שלילי
אקסון 12 שלילי
רמת אריטרופויטין 13
פריטין 21.
לסיכום, אין עדות מעבדתית למחלה מיאלופרוליפרטיבית.
המשך אספירין.
הבוקר ספירה עכנית.
ימשיך במעקב המטולוג.
ביקורת 3 חודשים.

**לא ידועה רגישות לתרופות**

המשך טיפול:
--
לא

**סיכום והמלצות**
ביקורת 3 חודשים.

**דיווח פעולות:**

| קוד שירות | כמות | פעולה | תאריך | נרשם ע"י |
|---|---|---|---|---|
| 70087 | 1 | בדיקת רופא המטולוג במרפאה | 10:00 04/12/2022 | ד"ר פזגל עידית מ.ר.30334 |

Page 1 of 2

י' כסלו תשפ"ג



מרכז רפואי רבין בית חולים בילינסון
כללית

**סיכום ביקור אמבולטורי - מרפאת המטולוגיה**

תאריך ביקור: 04/12/2022 מספר קבלה: 2022907389

שם משפחה:
שם פרטי:
כתובת:
טלפון:
סוג דם:

מנהלת המערך ההמטולוגי: פרופ' פיה רענני
מנהלת יחידה: פרופ' רענני פיה
מ.ר. 21004
אחות אחראית: סעיד סידאווי
טלפון: 03-9378221
פקס: 03-9378206

נחתם ע"י: ד"ר פזגל עידית מ.ר.30334 חתימה: ________

Page 2 of 2

הודפס מאתר כללית אונליין ב-23.09.2024

י' כסלו תשפ"ג

שפּיטאָל, האָט זיך אַרויסגעשטעלט פון די טעסטן אַז ער איז **אינגאַנצן 'ריין' ב"ה**. ס'איז געווען פאַרצייכנט 'שוואַרץ אויף ווייס' אַ 'נעגאַטיוו', וואָס מיינט אַז ער האָט נישט אַילו אַ צייכן פון די מחלה, און ער דאַרף נישט פאָרזעצן די באַהאַנדלונגען. ער האָט נאָר באַקומען אַ צעטל מיט א פארשלאג צוריקצוקומען דריי חדשים שפּעטער, פאַר 'אונטערזוכונגען'. ממש אַ בחינה פון 'ברוך שפטרני' פון די מחלה (אויך אָן די שווערע באַהאַנדלונגען ה' ישמרינו ויצילנו).

**באמת, איז נישט קיין וואונדער פאַרוואָס ס'איז אַריינגעקומען אַן ענדערונג אינעם דיאַגנאָז, ווייל דאָ איז געווען פאַר חודש אלול, ראש השנה און יום כיפור, און דאָ, איז געווען נאָך די ימים נוראים...** דער איד האָט גוט געוואוסט ווי אַזוי אויסצונוצן די טעג וואָס זענען מסוגל פאַר קבלת התפילות אויך נאָך דעם גזר דין, און ער איז בחסדי השי"ת געוואָרן גענצליך געזונט (בייגעלייגט זענען די בילדער פון די טעסטן).

דאָ רעדן מיר נישט פון אַ מעשה פון איינעם פון די אַמאָליגע צדיקים, נאָר פון אַ איד 'מן השורה', וואָס לעבט מיט אונז אין אונזער דור... און האָט געגלייבט מיט'ן גאַנצן האַרצן און נשמה אין די ריזיגע כוחות פון די תפילות אין די ימי הרחמים והרצון, און ער האָט זיך אָנגעכאַפּט אין זיי ווי אין אַ רעטונגס-ברעט, און זיי זענען אים בייגעשטאַנען און האָבן אים געראַטעוועט בעהי"ת. ממילא, דאַרף מען זיך שטאַרקן און גלייבן אין דעם כח פון תפילה, און דאָס וועט אונז ראַטעווען און משפיע זיין אויף אונז לטוב לנו כל הימים.

מיר האָבן שוין דערציילט, אַז איין יאָר ביים סוף פון חודש מנחם אב, איז דער סלאָנימער רבי, הרה"ק בעל 'נתיבות שלום' זי"ע, געוואָרן זייער נישט געזונט ל"ע און ער איז געלעגן על ערש דוי רח"ל. די דאָקטוירים האָבן געזאָגט אַז מ'דאַרף אים אָפּערירן זאָפאָרט, אָן זיך פארזוימען, אָבער דער רבי האָט נישט מסכים געווען מ'זאָל אים אָפּערירן איידער עס גייען אַדורך די הייליגע טעג. ער האָט געזאָגט, **מיר גלייבן באמונה שלימה אַז אין ראש השנה וועט נגזר אויף דעם מענטש אין הימל וואָס עס זאָל מיט אים פּאָרקומען אין קומענדיגן יאָר, און מיר זענען בכח צו פועל'ן אַז די גזירה זאָל בטל ווערן.** ווען די משפחה האָט געזען אַז דער רבי האַלט זיך פעסט ביי זיין מיינונג, האָט מען אַריבערגערופן דעם דאָקטאָר צום רבי'ן, און ער האָט אים אויסגעשטעלט אַ סדר היום, וואָס ער זאָל עסן און טרינקען, און וויפיל ער זאָל שלאָפן, א.א.וו., ביז נאָך די הייליגע טעג, און מ'האָט אָפּגעשטופּט די אָפּעראַציע אויף אַ טאָג נאָך יום כיפור.

ממחרת יום הכיפורים, ווען דער רבי איז געקומען אין שפּיטאָל פאַר דער באַשטעלטער אָפּעראַציע, און די דאָקטוירים האָבן געמאַכט די נויטיגע טעסטן פאַר דער אָפּעראַציע, האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַז די מחלה איז פאַרשוואונדן ב"ה, און דער רבי איז אַרויס פון יעדער געפאַר. ער נויטיגט זיך שוין נישט אין דער אָפּעראַציע. האָט דער דאָקטאָר געזאָגט צום רבי'ן, **'די צייט האָט געהאָלפן פאַר אייער טובה'** (ער האָט געמיינט צו זאָגן, אַז די צייט וואָס איז דערווייל אַריבערגעגאַנגען, האָט געהאָלפן אַז דער געזונט-צושטאַנד פון רבי'ן זאָל בעסער ווערן'. האָט דער 'נתיבות שלום' זיך צעשריגן, און געזאָגט: **'יאָ, די צייט האָט גע'פועל'ט פאַר מיין טובה'**. דאָס הייסט, **די געהויבענע זמנים פון דעם חודש הרחמים והסלחות, און די טעג פון ראש השנה און יום כיפור, זענען די צייט ווען יעדער מענטש קען פועל'ן צו טוישן דעם גזר דין לטובה ולברכה**, און דאָס האָט אויפגעטוהן אַז איך זאָל ב"ה אינגאַנצן געזונט ווערן, למעלה מדרך הטבע.

דער 'נתיבות שלום' פלעגט דערציילן די מעשה אין די יעצטיגע טעג פאַר חולים מסוכנים ל"ע, זאָגנדיג, אַז אויך אויב פאַריאָר ראש השנה איז נגזר געוואָרן אויף אייך אַ שווערער דין ח"ו, אָבער מיר שטייען יעצט פאַר ראש השנה, ווען עס ווערט פאַרשרייבן אַ נייער גזר דין, און **איר זענט בכח צו פועל'ן בטל צו מאַכן יעדע שלעכטע גזירה, און ממתיק זיין די דינים לחיים טובים ולשלום.**

און אָט איז אַ מעשה מיט אַ איד וואָס האָט צען יאָר נאָך דער חתונה, ליידער נישט זוכה געווען צו קינדער. ער האָט געליטן פון דעם יסורי הגוף והנפש אויף אַ שרעקליכן אופן רח"ל ה' ירחם. מ'איז כסדר געגאַנגען צו דאָקטוירים. חודש אלול תשפ"ג, האָט ער געהערט די פריער-דערמאַנטע מעשה פונעם 'נתיבות שלום' זצ"ל, און ער האָט געטראַכט ביי זיך, אפשר זאָל איך אויך אַזוי טוהן, מ'וועט זיך אָפּלאָזן פון אַלע דאָקטוירים, און מ'וועט נאָר אַריינלייגן תפילות ותחנונים צו בעטן דעם באַשעפער ער זאָל אונז העלפן. ער האָט אָפּגעשמועסט מיט זיין בני בית, צו בעטן דעם אויבערשטען אָן קיין אויפהער, און ס'איז טאַקע מקוים געוואָרן 'הזמן פעל לטובתם'... די צייט האָט אויפגעטוהן פאַר זיי, די הייסע תפילות זענען אָנגענומען געוואָרן אין הימל, און ס'איז ביי זיי געבוירן געוואָרן אַ בן זכר למזל טוב, אָן דעם וואָס מ'זאָל דאַרפן גיין צו דאָקטוירים...

דער לימוד פון דעם פאַר אונז איז, אויב אַ פּשוט'ער

מענטש איז בכח צו פּועל'ן מיט זיין תפילה וואָס ער איז מתפלל אָנהייב יאָר, געראַטעוועט צו ווערן פון אַ 'מכת מדינה', דאָס הייסט, די גאַנצע וועלט זאָל פאַרלירן געלט און ער וועט פאַרבלייבן מיט פאַרדינסטן, קענען מיר אויך פּועל'ן אין אַלע ענינים: אויב עמיצער נויטיגט זיך אין אַ רפואה שלימה, קען ער אויסגעהיילט ווערן, קעגן די מיינונג פון די דאָקטוירים וואָס האָבן אים אויפגעגעבן חלילה, אָדער צו שעפּן נחת דקדושה, אויך אין פאַל ווען 'אַלע' מחנכים האָבן 'געהויבן הענט' אין יאוש, אָדער געהאָלפן צו ווערן מיט זרע של קיימא, קעגן דער מיינונג פון 'אַלע' מומחים, אָדער אויפצושטעלן אַ אידישע שטוב, אויך ווען 'אַלע' שלום-מאַכער האָבן אויפגעגעבן האָפענונג... דאָס זעלבע, יעדער מענטש

---

נאָך אַ מורא'דיגע מעשה האָבן מיר געהערט פון אַ יונגערמאַן פון אונזער חבורה אין חיפה, וואָס בדידיה הוה עובדא, זיין זעקס-יעריג יונגל, האָט אַ יאָר צייט געליטן אַז זיינע אויגן זענען געוואָרן Cross-eyed. די עלטערן האָבן גענומען דאָס קינד צו פאַרשידענע דאָקטוירים. מ'האָט פּרובירט צו היילן זיינע אויגן אויף פאַרשידענע וועגן (מיט ספּעציעלע אויגן-גלעזער, א.ד.ג.), אָבער אָן ערפאָלג. אין **חודש תמוז תשפ"ד**, האָט דער דאָקטאָר געזאָגט אַז ס'איז נישטאָ קיין אַנדערע ברירה, מ'וועט מוזן אָפּערירן דאָס קינד אויף זיינע אויגן. ער האָט געמאַכט דעם 'אַפּאָינטמענט' פאַר דער אָפּעראַציע אויף דאָנערשטאָג, **ח' תשרי תשפ"ה**, אין דער וואָך פון יום כיפור. אויך זונטאָג, **כ"ו אלול תשפ"ד**, ווען דער דאָקטאָר האָט דורכגעפירט נאָך אַ 'טעסט' אויף די אויגן פונעם קינד, האָט ער ווייטער 'באַשטעטיגט' אַז מ'וועט מוזן מאַכן די אָפּעראַציע.

דערציילט דער יונגערמאַן: ערב ראש השנה, האָב איך צוזאַמענגענומען די גאַנצע משפחה, און זיי דערציילן די מעשה וואָס האָט פּאַסירט מיט'ן סלאָנימער רבי'ן, דער בעל 'נתיבות שלום' זי"ע, אַז ער האָט געדאַרפט אַדורכגיין אַ שווערע אָפּעראַציע אין זומער און ער האָט געבעטן דעם דאָקטאָר אָפּצולייגן די אָפּעראַציע אויף אַ טאָג נאָך יום כיפור, ווייל **ביי די תפילות אין די הייליגע טעג קען מען פּועל'ן אַלע ישועות, און מ'קען אַפילו בטל מאַכן די נויטווענדיגקייט פון אַן אָפּעראַציע**. און אַזוי איז טאַקע געווען, אַז נאָך די הייליגע טעג, ווען דער 'נתיבות שלום' איז געקומען צום דאָקטאָר, האָט ער געזאָגט אַז מ'דאַרף בכלל נישט אָפּערירן ווייל דער רבי איז ב"ה אינגאַנצן געזונט.

דאָס זעלבע האָב איך געזאָגט פאַר מיין משפחה - דערציילט אונז דער יונגערמאַן ווייטער - אַז אויך מיר וועלן ראש השנה מתפלל זיין פאַר אונזער קינד\ברודער, אַז ער זאָל נישט דאַרפן אַדורכגיין די אָפּעראַציע. און אַזוי האָבן מיר טאַקע געטוהן, מיר האָבן מתפלל געווען, און במשך פון גאַנצן יום טוב ראש השנה האָב מיר כסדר דערמאָנט איינער דעם אַנדערן די מעשה מיט'ן 'נתיבות שלום', און מיר האָבן מתפלל געווען פאַר דער רפואה פון אונזער קינד.

**און וואונדער איבער וואונדער, ווי גרויס ס'איז דער כח פון תפילה אין די יעצטיגע טעג, ממש למעלה מדרך הטבע. מאָנטאָג, ה' תשרי תשפ"ה נאָכמיטאָג, זענען מיר געגאַנגען מיט'ן קינד צום דאָקטאָר, און ער האָט אויסגערופן מיט שטוינונג: איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געהאַט אַזאַ פאַל, אַז דער גרעסטער טייל פון דער 'פּזילה' איז אַראָפּגעגאַנגען, און מ'דאַרף נישט אָפּערירן דאָס קינד. אויך דאַרף ער נישט קיין שום באַהאַנדלונגען, ווייל ווי עס ווייזט אויס, איז אַלעס אינגאַנצן פאַרשוואונדן... ער איז מער נישט** Cross-eyed **...**

אַז מ'איז זיך מתבונן טיפער אין דער מעשה, קומט מען צו דער מסקנה, אַוודאי האָבן אַלע געהערט די מעשה וואָס עס האָט פּאַסירט מיט'ן 'נתיבות שלום', אַז '**הזמן פעל לטובתך**'... אָבער **וואויל איז פאַר דעם וואָס נעמט אַריין די זאַך אין קאָפּ און פירט עס אויס למעשה, מיט אמונה אין דעם גרויסן כח פון תפילה אין ראש השנה..!**

אַ חשוב'ער רב שליט"א, וועלכער האָט ליידער פאַרלוירן אַ טאָכטער ה' ירחם, האָט מיר געזאָגט, אַז אויך אַ יאָר פריער האָט ער געהערט ווי ווייט מ'דאַרף מתפלל זיין זוכה צו זיין ביים משפט, 'כי הוא נורא ואויום', אָבער ער האָט נישט געטראַכט און אפילו נישט 'גע'חלומ'ט', אַז דאָס איז נוגע אַזוי שטאַרק צו אים...

**עורו נא התעוררו נא, און מ'זאָל נישט זאָגן, מיר האָבן שוין געהערט אַלע 'דרשות' און מעשיות... נאָר יעדער איינער דאַרף וויסן אַז דאָס אַלעס איז נוגע צו אים אַליין, און אַזוי וועט ער זוכה זיין צו פּועל'ן פאַר זיך כל מילי דמיטב, אויך ביי זאַכן וואָס זעען אויס האָפענונגסלאָז ח"ו...**

מיט זיין ווייטאָג איז אימשטאַנד אַרויפצוציען אויפ'ן 'דרך המלך' מיט זיינע תפילות, אָנהייב יאָר[ח].

**אפילו** אויב די גזירה איז שוין אַרויסגעגעבן געוואָרן חלילה וחס, איז די תפילה אָנהייב יאָר בכוח בטל צו מאַכן אַלע שווערע גזירות[ט], ווי עס שטייט אין ספה"ק "ערבי נחל" (דרוש לפסח, דרוש ב'): ביי דעם 'ברית בין הבתרים', האָט דער אויבערשטער געזאָגט (בראשית טו, יג) "ועבדום וענו אותם ארבע מאות שנה", און זיי וועלן פייניגן די אידן פיר הונדערט יאָר. דאָס איז געווען

---

**ח.** אין אסאך ספרים ווערט דער ענין פון ראש השנה מרומז אין קאפיטל ב' פון תהלים: 'אספרה אל **חק** בני אתה אני **היום ילדתיך**'. '**חק**' ווייזט אויף ראש השנה, און '**היום**' ווייזט אויף דעם טאג פון דין. דער אייבערשטער זאגט כביכול צו יעדן איד: '**בני אתה**' - דו ביסט מיין קינד - '**היום ילדתיך**', היינט האב איך דיר געבוירן, ווייל ראש השנה איז דער טאג פון חידוש הבריאה. און גלייך דערנאך שטייט: '**שאל ממני ואתנה**' - בעט פון מיר אלעס וואס דיין הארץ וויל, און איך וועל דיר געבן.

**ט.** דער 'ערבי נחל' (לר"ה) ברענגט אַ מורא'דיגע מעשה, וואָס האָט פּאַסירט ביי איינע פון די תלמידים פון אר"י הקדוש זי"ע (אויך דער "היכל הברכה", ברענגט די מעשה, און ער גיט צו דעם נאָמען פונעם תלמיד: רבי יוסף מערבי ז"ל): אין ראש השנה, האָט אליהו הנביא ז"ל זיך באַוויזן צו אים און אים געזאָגט, 'למען השם, דו זאָלסט זיך שטאַרקן און מרבה זיין בתפלה ובתחנונים, ווייל די מקטריגים האָבן זיך געשטאַרקט אויף אַזוי ווייט, אַז דער גרויסער שר מיכאל, וועלכער דערמאנט שטענדיג די זכותים פון אידישע קינדער, איז שטיל געוואָרן און זיין כח איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן, און ער האָט נישט וואָס צו ענטפערן'.

האָט דער תלמיד פונעם אריז"ל געפרעגט אליהו, יענעם יאָר האָבן דאך אידן געלערנט אַסאַך תורה, איז וואו איז דער זכות פון די תורה? האָט אליהו געענטפערט, אַז אויף דעם גופא איז דער קיטרוג, אַז מ'האָט געלערנט תורה נישט אַזוי ווי מ'דאַרף לערנען.

האָט דער תלמיד ווייטער געפרעגט: 'און וואָס זאָגט אברהם אבינו צו דעם? ער איז דאָך דער טאַטע פון אַלע אידן, פאַרוואָס קומט ער נישט מלמד-זכות זיין? מ'וועט דאָך אים אַוודאי נישט אָפּשיקן מיט ליידיגע הענט'. האָט אליהו געענטפערט, אַז אברהם זאָגט אַז ער שעמט זיך צו גיין בעטן פאַר זיי.

ווען דער תלמיד פונעם אריז"ל האָט דאָס געהערט, האָט ער אויסגעשריגן מיט אַ ציטערדיג קול: 'עם ה', חזקו ונתחזקה - לאָמיר זיך שטאַרקן און מתפלל זיין פאַר אונזער פאָלק, און פאַר די שטעט פון אונזער באַשעפער. טוט תשובה אויף אַלע אייערע עבירות. ווער ווייסט, אפשר וועט דער אויבערשטער זיך באַרעכנענען און אפטרעטן פונעם שלעכטן וואָס ער האָט געוואָלט טוהן, ווייל דער צאָרן איז שוין אַרויס, די הענט פון די מקטרגים האָבן זיך געשטאַרקט און אונזער מליץ יושר האָט שוין נישט אַן ענטפער וואָס זיי צו ענטפערן'.

ער האָט אַזוי לאַנג געשריגן מיט מוסר אַז אידן זאָלן תשובה טוהן, ביז אליהו איז געקומען צו אים און ער האָט אים געזאָגט, אַז אברהם אבינו ע"ה האָט זיך אָנגעקליידעט אינעם כח התשובה פון יענער שול, און ער איז געקומען צו דעם אויבערשטען צו דערווייטערן און אָפּשטופּן דעם משפט ביז יום כיפור, כדי אידן זאָלן דערווייל תשובה טוהן און זיך אומקערן פון זייערע וועגן. באַלד נאָך ראש השנה, האָט דער רב געשריבן א בריוו צו אַלע נאָנטע שטעט, אַז מ'זאָל זען תשובה צו טוהן ווי ווייט מעגליך, און ער האָט זיי געמאָלדן אַלעס וואָס ער האָט געהערט פון אליהו הנביא זכור לטוב, עכ"ל.

**עס נעמט אַרום אַ ציטער ווען מ'זעט די מעשה, ווייל פון דאָ זעען מיר ווי ווייט עס דערגרייכט דער כוח פון תפילה, אַז אין אַזאַ שווערע צייט, ווען דער מלאך מיכאל, דער שר פון אידישע קינדער, האָט שוין נישט געקענט ממליץ-טוב זיין פאַר אידן, און אַפילו אברהם אבינו ע"ה, דער טאַטע פון כלל ישראל, האָט זיך געשעמט צו גיין בעטן רחמים פאַר זיינע קינדער, האָבן אָבער די תפילות פון אידישע קינדער געהאָלפן מבטל זיין די דינים און פאַרשניידן אַלע מקטריגים, ווי אליהו הנביא האָט געזאָגט צום תלמיד פונעם אריז"ל: "למען השם התחזק להרבות בתפלה ותחנונים".**

פון דאָ לערנען מיר אויך דעם כח וואָס דער אויבערשטער האָט געגעבן צו די מענטשן אויף דער וועלט, אַז נאָר דורך תשובה וואָס אידן האָבן געטוהן דאָ אויף דער וועלט, איז אברהם אבינו ע"ה געווען בכח אָפּצושטופּן דעם משפט ביז נאָך יום כיפור. זעען מיר קלאָר ווי **דער מענטש טוט מיט זיינע תפילות און מיט זיין תשובה,**

די גזירה פון 'שיעבוד מצרים', וואָס איז קלאָר אַרויסגעזאָגט געוואָרן דורכ'ן באַשעפער, אָבער פונדעסטוועגן, ווען די אידן האָבן געקרעכצט און געוויינט - 'ויאנחו בני ישראל מן העבודה ויזעקו', איז באַלד מקויים געוואָרן 'ותעל שועתם אל האלקים מן העבודה', און זיי זענען באַפרייט געוואָרן פון מצרים נאָך בלויז 210 יאָר אין גלות.

**דאָס** איז דערפאַר ווייל אַזוי איז דער רצון פון באַשעפער באַלד ווען דער אויבערשטער גיט אַרויס די גזירה, איז ער אויך גוזר אַז די גזירה זאָל בטל ווערן ווען דער איד וועט מתפלל זיין בטל צו מאַכן די גזירה'.

**לויט** דעם, זאָגן די ספרים אַ טעם פאַרוואָס מ'זאָגט ראש השנה 'זכר ליציאת מצרים'. לכאורה, וואָס פאַר אַ שייכות האָט יציאת מצרים מיט ראש השנה, "זה היום תחילת מעשיך, זכרון ליום ראשון"? נאָר פון דעם לערנען מיר, אַז פונקט ווי די אידן האָבן געמאַכט אַן 'איבערקערעניש', און בטל געמאַכט די גזירה פון שעבוד מצרים דורך זייער תפילה און צעקה, און אַזוי זענען זיי אַרויסגעגאַנגען פון מצרים פאַר די צייט, אַזוי איז יעדער איד בכח צו מאַכן איבערקערענישן אין דעם טאָג. 'אין דבר העומד בפני התפילה'[א].

### החכם עיניו בראשו - אויסנוצן יעדע רגע פון ראש השנה צום גוטן

**די** גמרא זאָגט (ב"ב קטז.) אַז אויב ס'איז וואַרים דער ערשטער טאָג ראש השנה, איז דאָס גאַנצע יאָר וואַרים, און אויב ס'איז קאַלט דעם ערשטן טאָג ראש השנה, וועט אַ גאַנץ יאָר זיין קאַלט.

**האָט** געזאָגט אויף דעם הרה"ק בעל 'בית ישראל' זי"ע אַז חז"ל האָבן דאָ געוואָלט מרמז זיין, אַז אויב

---

**'אויפטרייסלען' אַלע וועלטן, און ער איז גורם פאַר די אבות, נתעורר צו ווערן און בעטן פון דעם אויבערשטן אַ ישועה פאַר דעם מענטש.**

**י.** אין דער ישיבה אין גייטסהעד, האָט פאַר דרייסיג יאָר צוריק פאַסירט אַ מורא'דיגע מעשה. יענעם יאָר איז ליידער נפטר געוואָרן אַ יונגער בחור פון דער ישיבה. ממילא, איז דאָס קומענדיגע יאָר, ביי 'ונתנה תוקף' אין די הייליגע טעג, געווען גאָר אַ גרויסע התעוררות צווישן אַלע ישיבה בחורים, און ווען מ'איז אָנגעקומען צו די ווערטער, 'ותשובה ותפלה וצדקה מעבירין את רוע הגזירה', זענען די קולות אין ישיבה געווען 'עד לב השמים'.

אויך דער בעל תפילה, הגה"צ רבי מתתיהו סאָלאָמאָן זצ"ל, וועלכער איז דאַן געווען משגיח אין דער ישיבה אין גייטסהעד, האָט געשריגן הויך אויפ'ן קול: "ותשובה ותפילה וצדקה...", אַזש עס האָט אַראָפּגערינען בלוט פון זיין האַלדז אויף דעם מחזור וואָס איז געלעגן פאַר אים אויפ'ן עמוד, און די ווערטער **'רוע הגזירה'** זענען אויסגעמעקט געוואָרן פון מחזור... און וואונדער איבער וואונדער, דער 'רוע הגזירה' איז טאַקע אָפּגעמעקט געוואָרן, און במשך פון גאַנצן יאָר האָט מען נישט געהערט אַ שלעכטע בשורה ח"ו אין שטאָט. אין גאַנץ גייטסהעד, איז נישט געווען אַפילו איין נפטר ל"ע יענעם יאָר.

**יא.** דער ראַפּשיצער רב זי"ע פלעגט מעורר זיין מיט אַ מעשה שהיה, אין איינע פון די שלאַכטן וואָס דער רוסישער צאַר ניקאָלאַי ימ"ש האָט געפירט קעגן זיינע פיינט, האָבן די פיינטליכע קרעפטן געשאָסן אַ טויטליכן פייל ציל'נדיג אויפ'ן צאַר. אין יענעם מאָמענט, האָט אַ סאָלדאַט, וועלכער האָט באַמערקט וואָס דאָ קומט פאָר, אויסגעשריגן מיט אַ ביטער קול, און דאָס פערד אויף וועלכן דער צאַר האָט געריטן, איז דערשראָקן געוואָרן און האָט אַרויפגעשפּרינגען הויך. אַזוי איז דער פייל אַריין אינעם פערד וועלכער האָט גע'פגר'ט אויפ'ן אָרט, און דער צאַר איז געראַטעוועט געוואָרן.

נאָך דער מלחמה, האָט דער צאַר געשיקט רופן יענעם סאָלדאַט, און ער האָט אים געזאָגט אַז ער וויל אים באַלוינען פאַר דעם וואָס ער האָט געראַטעוועט זיין לעבן. ער קען דעריבער בעטן וואָס זיין האַרץ גליסט נאָר. האָט דער סאָלדאַט, וועלכער האָט געהאַט אַ 'קליין קעפּל'... געזאָגט פאַר'ן קעניג, אַז היות זיין קאָמאַנדיר אין דער אַרמיי פייניגט אים, בעט ער פונעם קייסער מ'זאָל באַשטימען אַ צווייטן קאָמאַנדיר... האָט דער צאַר אים געזאָגט:

- גוט, כ'וועל נאָכגעבן דיין פאַרלאַנג און באַשטימען אַן אַנדערן אַלס דיין קאָמאַנדיר. **אָבער דו נאַר איינער! פאַרוואָס האָסטו נישט געבעטן צו ווערן אַליין אַ קאָמאַנדיר?!**

האָט דער ראַפּשיצער רב אויסגעפירט: דאָס זעלבע זאָגט מען צו אונז, **דער אויבערשטער האָט אונז געגעבן דעם כח פון תפילה, צו פועל'ן דערמיט גרויסע זאַכן, אַז עס זאָל אונז גוט זיין אַ גאַנץ יאָר הבא עלינו לטובה, מיר טאָרן**

אין ראש השנה טוט דער מענטש 'פלאַקערן' פאַר דעם אויבערשטען, ער שפירט די קדושה פונעם טאָג[יב], וועט אים זיין 'וואַרים' אַ גאַנץ יאָר אין עבודת ה', אָבער אויב ער איז 'קאַלט'. דאָס הייסט, דער יום טוב פון ראש השנה גייט אַריבער אויף אים מיט קאַלטקייט און מיט ליידיגקייט, ער 'לעבט' נישט מיט די שטאַרקע קדושה פונעם טאָג, וועט ער אַ גאַנץ יאָר זיין 'קאַלט' ח"ו[יג]. (ספר 'פאר ישראל', ח"ג, ע' נד)

**אַ**זוי שרייבט דער 'מאור ושמש' (רמזי ראש השנה, ד"ה 'אמרו לפני'), אויף די ווערטער פון די גמרא (ר"ה טז.) 'אמרו לפני מלכיות כדי שתמליכוני עליכם' - איר זאָלט זאָגן די 'מלכויות' אין ראש השנה מיט'ן גאַנצן האַרץ, ווייל דורך דעם וועט איר מיך קרוינען אַלס קעניג במשך פונעם גאַנצן יאָר.

**דאָס** מיינט, אַז דאָס גאַנצע יאָר ווענדעט זיך אין דעם וויפיל דער מענטש נעמט אויף זיך באמת און מיט'ן גאַנצן האַרצן אין ראש השנה, צו האַלטן זיך הייליג און ריין[יד].

**דער** 'מאור ושמש' שרייבט: 'וואויל איז פאַר דער וואָס ער איז זוכה זיך צו רייניגן און זיך הייליגן און זיינע מחשבות, און זיך צוצוגרייטן פאַר אונזער באַשעפער אַלע 48 שעה פון ראש השנה, ווייל מיט דעם וועט ער ממשיך זיין קדושה און דביקות ה' אויפ'ן גאַנצן יאָר, אַז ער זאָל קענען זיין דבוק אין דעם באַשעפער אַ גאַנצן טאָג. יעדער חלק פון די חלקים פון די שעה'ן אין ראש השנה, העלפט דעם מענטש אויף יעדן טאָג פון יאָר, צו קעניגן דעם אויבערשטען ברוך הוא[טו], עכ"ד.

**אַ**זוי שרייבט אויך דער 'פלא יועץ' (ערך ראש השנה'), אַז אויב דער מענטש שטאַרקט זיך מיט כח אין ראש השנה, זיין האַרץ זאָל זיין פול מיט יראה און פחד פון דעם אויבערשטען, וועט ער געפינען אַ הילף און אויסלייזונג, און זיין נשמה וועט לעבן אַ גאַנץ יאָר[טז].

---

**אָבער נישט זיין ווי יענער נאַרישער סאָלדאַט וואָס האָט געבעטן מ'זאָל טוישן זיין קאָמאַנדיר... מ'זאָל נישט אַריינלייגן דעם גאַנצן כח פון תפילה אין נאַרישקייטן, נאָר יעדער בר דעת זאָל מסדר זיין די תפילה וואָס ער בעט, פאַר אַ 'שנה טובה ומתוקה' אין אַלע זיינע ענינים.**

**יב.** דער 'שם משמואל' שרייבט (נצבים תרע"ג), אַז עס איז וויכטיג צו געדענקן **אַז אין די יעצטיגע טעג זאָל מען נישט זיין 'קאַלט', נאָר מען זאָל טוהן די גאַנצע עבודה פונעם חודש תשרי מיט אַ גרויסע התלהבות און שטאַרקן געפיל.** און מיט דעם כח שטייט מען מיט אויפגעהויבענע קעפּ און מ'זיגט אינעם משפט, און יעדער מענטש לויט די מדריגה פון זיין התלהבות, איז ער זוכה אינעם דין, 'ואתם הדבקים בה' אלוקיכם חיים כולכם היום'.

**יג.** אַמאָל אין חודש שבט, איז אַ יונגערמאַן נפטר געוואָרן פון אַ לונגען אַנטצינדונג ל"ע וואָס ער האָט באַקומען פון די קאַלטע וועטער. האָט דער גאון רבי חיים שמולעוויץ זצ"ל, ראש ישיבה פון דער מירער ישיבה אין ירושלים, געזאָגט:

- צי דען מיינט איר, אַז דער יונגערמאַן איז יעצט נפטר געוואָרן פון די קעלט, ער איז שוין 'נפטר' געוואָרן ווען די זון האָט געקאָכט - אינעם 'מחזור' פון ראש השנה' (ווייל זיין תפילה איז געווען 'קאַלט').

**יד.** ס'איז כדאי צו ברענגן די ווערטער פונעם 'מגן אברהם' (סוף סימן תקצ"א) **אַז אַמאָל טוט מען אין איין ראש השנה משפּט'ן אויף עטליכע יאָר, אַזוי ווי פּרעה האָט געזען אין חלום אַז עס וועלן קומען זיבן זאַטע יאָרן אין מצרים. דער וואָס האָט שכל, זאָל בעטן דעם אויבערשטען און איינרייסן וועלטן, ווייל מיט די תפילה קען ער פּועל'ן אויף אַסאַך יאָרן.**

**טו.** אַזוי טייטשט הרה"ק בעל 'יסוד העבודה' זי"ע, דעם פסוק (דברים ו, כד) 'לחיותינו כהיום הזה'. עס שטייט אין זוהר הקדוש אַז 'היום' איז מרמז אויף ראש השנה. זאָגט דער פסוק: **'לחיותינו'** - מיר שעפּן חיות אויף דעם גאַנצן יאָר, **'כהיום הזה'** - לויט ווי מיר פירן זיך אין דעם טאָג ראש השנה.

**טז.** רבינו סעדיה גאון ז"ל שרייבט (אין צווייטן טעם, צווישן זיינע צען טעמים פאַר די מצוה פון תקיעת שופר אין ראש השנה), אַז ראש השנה איז דער ערשטער טאָג פון די עשרת ימי תשובה, און מ'בלאָזט דעמאָלס שופר כדי אויסצורופן, **אַזוי ווי איינער וואָס וואָרענט אַז יעדער וואָס וויל תשובה טוהן, זאָל תשובה טוהן, און אויב נישט, זאָל ער נישט האָבן קיין טענות.**

ס'איז אבער וויכטיג צו וויסן, 'בית יעקב אלו הנשים', וועלכע זענען, ברוך השם, מטופל מיט די קליינע קינדער

ממילא, טאָר מען נישט פאַרברענגען די צייט[ז] אפילו איין מינוט אין דעם הייליגן יום טוב פון ראש השנה[יח], ווען אַלע טויערן אין הימל זענען ברייט אָפען, ווי עס שרייבט דער סלאָנימער רבי, הרה"ק בעל 'בית

אין שטוב, און זיי פאַרזיכערן דעם המשך און דעם קיום פון כלל ישראל. צוליב דעם קענען זיי נישט קומען אין שול דאַווענען אין די ימים נוראים, און זיך אויסגיסן דאָס האַרץ צוזאַמען מיט רבבות אלפי ישראל. טאָרן זיי אָבער נישט זיין בעצבות ח"ו, צו טראַכטן אַז זיי האָבן נישט זוכה געווען מתפלל צו זיין צום באַשעפער.

הגה"צ רבי לייבל לאַפּיאַן זצ"ל האָט געזאָגט: מיין טאַטע, הגה"צ רבי אליהו לאַפּיאַן זצ"ל, האָט געזאָגט אַז **ער האָט בקבלה, אַז די פרויען וואָס געפינען זיך אינדערהיים אין די הייליגע טעג און זיי גיבן זיך אָפּ מיט זייערע קליינע קינדער, דאַרפן נישט אָנקומען צו אַלע תפילות, און צו דעם גאַנצן מצב וואָס הערשט אין שול, אַז זייערע תפילות זאָלן אָנגענומען ווערן אין הימל, ווייל עס איז דאָ אַ ספּעציעלער 'צינור' וואָס פירט אַרויף זייערע תפילות צום כסא הכבוד.** מיט די געציילטע ווערטער וואָס זיי האָבן די מעגליכקייט מתפלל צו זיין, דערגרייכן זיי זיך צום כסא הכבוד, פונקט אַזוי ווי דער גאַנצער ציבור וואָס שטייט לאַנגע שטונדן אין ביהמ"ד און איז ממליך דעם גרויסן הייליגן קעניג.

**מן הבאר**

דער 'ערוך לנר' שרייבט (אין זיין ספר 'מנחת עני', פ' האזינו), אַ חקירה אויב ווען ראש השנה פאַלט אויס אין שבת, צי ס'איז אַ גוטער סימן. מיר געפינען אַז די יאָרן וואָס זענען געווען דאָס ערגסטע ח"ו און די בעסטע יאָרן, זענען געווען ראש השנה שחל בשבת.

ער ברענגט אַראָפּ אין דעם חשבון פון די יאָרן, אַז פון איין זייט, זענען די שווערסטע יאָרן, אַזוי ווי די יאָרן ווען די צוויי בתי המקדש זענען חרוב געוואָרן, זענען געווען יאָרן וואָס ראש השנה איז געווען שבת. פון דער צווייטער זייט זעט מען פאַרקערט, אַז די בעסטע יאָרן פאַר כלל ישראל, אַזוי ווי דאָס יאָר ווען מ'האָט אויפגעשטעלט דעם משכן, און דאָס יאָר ווען די אידן זענען אַריינגעגאַנגען אין ארץ ישראל, איז ראש השנה אויך דעמאָלס געווען שבת. ממילא, דאַרף מען וויסן צי עס איז אַ גוטער סימן, אָדער חלילה נישט.

זאָגט דער 'ערוך לנר', אַז עס ווענדט זיך אין אונז. ווייל מ'קען זאָגן א סברא ווי אַזוי ראש השנה שחל בשבת איז פאַר אונזער טובה: ווייל אידן וואָס האָבן געזינדיגט אַ גאַנץ יאָר, און דאַן קומט דער קול השופר אינעם יום הדין, און די אידן האָפען אַז דורך די תקיעות וועט דער שטן צעטומלט ווערן, און דער זכות פון די תקיעות וועט זיין אַ סניגור פאַר אידן.

דאָס איז אָבער אַלעס נאָר דעמאָלס ווען ראש השנה איז אינמיטן דער וואָך, אָבער ווען ראש השנה איז אין שבת, וואָס דעמאָלס בלאָזט מען נישט שופר, ווי אַזוי קענען מיר געפינען אַ זכות צו בלייבן גערעכט אינעם יום הדין? (מ'בלאָזט דאָך נישט אין שבת). **אויף דעם קומט דער הייליגער שבת, וואָס איז דער 'בת זוג' פון אידישע קינדער, און איז ממליץ טוב אויף אונז פאַר'ן באַשעפער,** אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (שמות לא, יז) 'ביני ובין בני ישראל אות הוא לעולם'. און **אין זכות פון דעם וואָס אידישע קינדער היטן דעם שבת ווי ס'דאַרף צו זיין, איז דער אויבערשטער מוחל זייערע עבירות.**

דאָס איז אָבער אַלץ געזאָגט געוואָרן דווקא אַזוי לאַנג ווי די אידן היטן אָפּ דעם הייליגן שבת. אָבער אויב מ'היט נישט דעם שבת שבת געהעריג, און אדרבה, מ'טוט חלילה פאַרשוועכן איר כבוד ברבים און בפרהסיא, איז ווי אַזוי קען דער שבת ווערן אַ מליץ יושר אונז גערעכט צו מאכן ביים משפט? עס ווערט דאָך אַ קטיגור ח"ו וכו'.

דער 'ערוך לנר' פירט אויס, אַז צוליב דעם איז ספּעציעל **אין אַזעלכע יאָרן ווען ראש השנה קומט אויס אין שבת, דאַרף מען זיך אָנשטרענגען און תשובה טוהן אָן אַ הפסק.**

**יז.** מורא'דיגע ווערטער, האָט געזאָגט הרה"ק בעל 'חידושי הרי"ם' זי"ע, אַז כאָטש מיר האָבן נישט די מינדסטע השגה אין די הייליגע אבות און אמהות, אָבער פון דער גמרא איז משמע אַז שרה און רחל זענען נפקד געוואָרן מיט קינדער אין ראש השנה, זעט מען פון דעם, **אַז אויך זיי האָבן נישט געקענט פועל'ן פאַר זיך צו האָבן קינדער, נאָר אין ראש השנה, צוליב די גרויסע סגולה פונעם טאָג.**

אברהם' זי"ע (לר"ה, ד"ה 'כל') אויף דעם וואס חז"ל זאגן (שבת יא.) 'כל מיחוש, ולא מיחוש ראש', אַז פּונקט ווי אַ קאָפּ ווייטאָג איז אַנדערש פון אַ ווייטאָג אין די אַנדערע איברים פונעם מענטש, ווייל אויב דער מענטש באַקומט חלילה אַ שטאַרקן קלאַפּ אויף איינעם פון זיינע אַנדערע רמ"ח איברים, איז אויך אויב דער קלאַפּט טוט אים שטאַרק ווי וועט ער זיך אָבער נישט געפינען אין אַ לעבנס געפאַר ח"ו, אָבער אַ קלאַפּ אין קאָפּ קען ח"ו גורם זיין אַ ריזיגן שאָדן פאַר'ן מענטש אויפ'ן גאַנצן לעבן, ווייל דער עיקר ווענדעט זיך אַלעס אינעם קאָפּ.

**דאָס** זעלבע איז מיט ראש השנה, אויך אויב די אַנדערע טעג פון יאָר גייען אַריבער אויפ'ן מענטש מיט פאַרשידענע 'מיחושים' ח"ו, דאַרף ער אָבער זען צו היטן די הייליגע טעג פונעם יום טוב ראש השנה ווי אַן אויג אין קאָפּ[יט], ס'זאָל נישט אַריבערגיין אַפילו אַ סעקונדע מיט גיין ליידיג ח"ו[כ].

---

**פון דעם קענען מיר לערנען אַ 'קל וחומר, בן בנו של קל וחומר', טויזנט מאָל אַזוי פיל, ווי ווייט מיר דאַרפן זיך באַמיען מיט אַלע כוחות אויסצונוצן די טעג פון ראש השנה, ווייל דאָס גיט אונז חיות אויפ'ן גאַנצן יאָר.**

די ספרים זאָגן אַ רמז אויף די ווערטער וואָס מיר זאָגן ראש השנה ביינאַכט, 'יהי רצון שנהיה לראש ולא לזנב'. ס'איז דער שטייגער פון די בעלי חיים, אַז ווען זיי ווילן קוקן אויף זייער וויידל, דרייען זיי אויס דעם קאָפּ אויף צוריק. אַזוי בעטן מיר ראש השנה ביינאַכט, **'שנהיה לראש'** - מיר זאָלן אויסנוצן דעם ראש השנה געהעריג, **'ולא לזנב'** - ממילא וועלן מיר נישט דאַרפן אַ גאַנץ יאָר צוריקקוקן מיט ווייטאָג און צער פאַרוואָס מיר האָבן נישט אויסגענוצט דעם פאַרגאַנגענעם ראש השנה ריכטיג.

**יח.** הגה"ח רבי ישראל שמעון קאסטעלאניץ ז"ל האָט נאָכגעזאָגט אין נאָמען פון זיין רבי'ן, הרה"ק בעל 'בית אברהם' זי"ע פון סלאָנים, אַז ער פלעגט אין די הייליגע טעג אויסשרייען פון די טיפענישן פון זיין הייליג האַרץ: **'מזאָל זיך נישט דרייען ווי אַ נאַר אויפ'ן מאַרק'**. דאָס מיינט, מ'זאָל נישט זיין אין די יעצטיגע טעג אַזוי ווי יענער שוטה וואָס דרייט זיך אַרום אויפ'ן מאַרק און ער טוט גאָרנישט, אין דער צייט ווען ער קען דאָרט פאַרדינען גאָר אַסאַך געלט.

**יט.** די ספרים שרייבן, די צאָל שעה'ן אין ראש השנה זענען 48, אַזוי ווי דאָס וואָרט 'מח', אַ רמז אַז ראש השנה איז דער 'מח' פון גאַנצן יאָר, אַלעס ווענדעט זיך אין ראש השנה, און אָפּגעהיטן ווערן זאָל דער וואָס האָט ח"ו אַ לעכל אין קאָפּ אַפילו אַזוי גרויס ווי אַ האָרל...

**כ.** הרה"ק רבי פנחס'ל קאָריצער זי"ע האָט געזאָגט ('אמרי פנחס', אות תפא) , אַז ראש השנה איז דער 'גליפה' פון גאַנצן יאָר. אַזוי ווי דער מענטש פירט זיך אין ראש השנה, אַזוי פירט מען זיך מיט אים אַ גאַנץ יאָר, און צוליב דעם עסט מען נישט זויערע מאכלים אין ראש השנה, ווייל דער וואָס עסט זויערס, פאַרדרייט זיין פנים **אויף אַ סעקונדע** צוליב די זויערקייט דערפון, און ער וועט בלייבן חלילה אַזוי אויפ'ן גאַנצן יאָר.

און הרה"ק רבי פנחס'ל האָט ערקלערט דעם ענין פון ראש השנה, אַז דאָס איז ענליך צו אַ בוי-מייסטער וואָס בויט אַ גרויסן בנין לשם ולתפארת. איידער ער הייבט אָן בויען דעם בנין, מאַכט ער אַ 'בלופּרינט' דערפון, מיט יעדן צימער און יעדן ווינקל וואָס ער וויל אויפבויען אין דעם גרויסן בנין. ער פּרובירט נישט צו פאַרפעלן אַפילו איין פּרט דערפון. דאָס זעלבע **אין ראש השנה, טוט דער אויבערשטער אָפּצייכענען אַ 'בלופּרינט' אויפ'ן גאַנצן יאָר, און צוליב דעם, איז יעדע קליינע זאַך וואָס מ'מאַכט אין ראש השנה, לאָזט איבער אַ גרויסן צייכן אויפ'ן גאַנצן יאָר.**

עס ווערט געברענגט אין ספר 'אמרי פנחס', אַז צוליב דעם האָט הרה"ק רבי פנחס'ל קאָריצער זי"ע נישט געוואָלט זאָגן דרשות אין ראש השנה, אויב ער וועט חלילה אַרויסזאָגן פון מויל אַ וואָרט וואָס טויג נישט, און עס הערשט אַ גרויסער מוא און פחד אין אַזאַ טאָג, וואָס לאָזט איבער אַ רושם אויפ'ן גאַנצן יאָר. און צוליב דעם דאַרף דער מענטש נאָר עוסק זיין אין תורה און תפילה במשך פונעם גאַנצן טאָג ראש השנה, אויך נאָך די סעודה.

**אַזוי האָבן זיך טאַקע געפירט די צדיקים אין אַלע דורות, אויסצונוצן יעדע סעקונדע ממש.**

עס איז באַקאַנט אַז דער הייליגער בעל התניא זי"ע פלעגט זאָגן אַסאַך תהלים במשך פון גאַנצן טאָג ראש השנה, אנגעהויבן פון נאָך מנחה ערב ראש השנה ביז נאָך תפילת מעריב די צווייטע נאַכט ראש השנה. ער האָט דעמאָלס אַפילו נישט געזאָגט אַ 'מאמר'. ער האָט זיך ממש נישט אַוועקגערירט פונעם תהלים און פונעם מחזור, פונעם מחזור און פונעם תהלים [כאָטש ס'איז באַקאַנט ווי חשוב ס'איז ביי אים געווען דאָס ענין פון זאָגן 'דברי אלוקים חיים'].

('ספר השיחות ריי"צ', אָנהייב יאָר תש"ב, און ער ברענגט דאָרט, אַז אַזוי האָט זיך אויך געפירט דער גרויסער מגיד פון מעזריטש זי"ע).

דער בעל התניא האָט אויך אָנגעזאָגט זיינע תלמידים אין ראש השנה אויף צוויי זאַכן: **א.** זיי זאָלן שלאָפן וויינציגער [דאָס הייסט, מ'זאָל זיך צוריקהאַלטן פון שלאָפן מער ווי עס פעלט אויס, ווייל דער וואָס שלאָפט וויינציגער ווי זיין גוף פאַרלאַנגט, קען ער זיין מיד און צעטומלט, און עס וועט זיין 'יצא שכרו בהפסדו']., **ב.** זיי זאָלן זיך צוריקהאַלטן פון רעדן דברים בטלים. **די 2 הנהגות זענען גלייך פאַר יעדן מענטש, און ס'איז כדאי עס אָנצוהאַלטן.**

עס ווערט געברענגט (׳אהל אלימלך׳, אות שמב), אַז אַזוי האָט זיך אויך געפירט דער הייליגער רבי ר' אלימלך פון ליזענסק זי"ע, אַז ער איז אויפגעשטאַנען פרי אין ראש השנה, און שוין פונעם עלות השחר איז ער געשטאַנען אין שול און אָנגעהויבן דאַווענען פסוקי דזמרה מיט דביקות, און ער איז געווען דער שליח ציבור ביי אַלע תפילות, פון אָנהייב ביז'ן סוף. ער האָט אויך געבלאָזן שופר, און געענדיגט דאַווענען מוסף 1 אַזייגער נאָך חצות. דאַן איז ער געגאַנגען עסן און טרינקען כמצוות היום, אָבער די גאַנצע סעודה האָט געדויערט נישט מער ווי אַ האַלבע שעה. **דאַן איז ער צוריקגעגאַנגען אין בית המדרש און געזאָגט תהלים בציבור מיט השתפכות הנפש ביז ענדע טאָג.**

די פוסקים שרייבן (זע ׳משנה ברורה׳, סי׳ תקפא סק"ג) אַז ס'איז כדאי צו ענדיגן דריי מאָל דעם ספר תהלים, פון ראש חודש אלול ביז יום כיפור, און **מיר האָבן נישט אַ שטאַרקערן וואָפען ווי די פסוקים וואָס דוד המלך ע"ה האָט מחבר געווען פאַר אידן אין אַלע דורות, זיך אויסצוגיסן דאָס האַרץ פאַר דעם אויבערשטען און מעורר זיין רחמים און חסדים אויף דער וועלט.**

דער בריסקער רב הגרי"ז זצ"ל האָט זיך געפירט צו זאָגן אַסאַך תהלים במשך דעם גאַנצן טאָג פון ראש השנה, און ער האָט עס ערקלערט, ווייל אין דעם טאָג איז דער מענטש ענליך צו איינעם וואָס האָט פאַרלוירן אַלע זיינע פאַרמעגנס רח"ל, ווייל אויך איינער וואָס איז ביז יעצט געווען מסודר מיט זיין פרנסה און זיין גאַנצע משפחה איז געווען געזונט און שטאַרק, און אַזוי ביי אַלע אַנדערע זאַכן, הענגט אָבער יעצט אַלעס אויף אַ האָר. **אַלעס ליגט יעצט אויפ'ן וואָגשאָל, און עס איז אין אונזער האַנט עס צו טוישן צום גוטן.** ממילא, דאַרף מען בעטן אַסאַך רחמים ותחנונים פון באַשעפער ער זאָל אים געבן אַ גוט געבענטשט יאָר.

דאָס איז **דער פשוט'ער פשט** פון די תפילה 'כדלים וכרשים דפקנו דלתיך', פשוטו כמשמעו ממש, אויך בגשמיות, ווייל אין דער יעצטיגער סעקונדע שטייט דער מענטש 'בעירום ובחוסר כל' כפשוטו ממש.

און דער בריסקער רב האָט אויסגעפירט, אַז צוליב דעם טוט ער פאַרציען צו זאָגן תהלים, מער ווי צו לערנען זיינע קביעות'דיגע שיעורים, ווייל ביים לערנען ווערן נתעורר אין זיין מח פאַרשידענע הערות און קשיות אויף דעם וואָס ער לערנט, און ער דאַרף נאָכקוקן אין ספרים כדי צו טרעפן אַ תירוץ אויף זיינע קשיות, און צומאָל קען ער צוליב דעם קומען צו פאַרברענגען **אַ סעקונדע** בשעת ער טוט נאָכזוכן אין די ספרים, וועגן דעם טוט ער פאַרציען צו זאָגן תהלים, ווייל אַזוי וועט ער **אויסנוצן יעדע סעקונדע בשלימות.**

עס דערציילט הרב אלפא שליט"א, אַ תלמיד פונעם בריסקער רב זצ"ל, אַז ער איז אַמאָל ראש השנה ביי מיטאָג אַריינגעקומען צום בריסקער רב אין הויז, און ער האָט געזען ווי דער רב זיצט מיט אַלע זיינע קינדער אַרום דעם טיש און אַלע זאָגן תהלים מיט אַ געוואַלדיגע התעוררות (ווי אין אַ מצב פון היסטעריע...), כאילו עס האָט פאַסירט עפּעס אַ צרה ח"ו. האָט ער אין זיין שרעק געפרעגט דעם עלטסטן זון פון בריסקער רב, וואָס האָט דאָ פאַסירט... דער בריסקער רב האָט געהערט זיין שאלה און אים געענטפערט:

- איר האָט דען נישט געהערט וואָס עס האָט פאַסירט מיט מיין שוועסטער?...

איז הרב אלפא געוואָרן נאָך מער דערשראָקן, און געפרעגט, וואָס האָט פאַסירט. האָט דער בריסקער רב אים ווייטער געזאָגט: איר האָט נישט געהערט וואָס עס האָט פאַסירט מיט מיין פלימעניק... וואָס האָט פאַסירט... האָט דער בריסקער רב אויסגערופן: איר ווייסט פאַרוואָס איר האָט נישט געהערט דאָס אַלעס וואָס האָט פאַסירט? **ווייל מיר זענען יעצט מתפלל אַז דאָס זאָל נישט פאַסירן...**

**באזונדער, האָבן גאָר אַ גרויסע מעלה די תפילות וואָס מ'איז מתפלל די ערשטע נאַכט ראש השנה** (און אזוי אויך דאָס אויסזאָגן ספר תהלים), ווי דער דובנער מגיד זצ"ל זאָגט אַ משל כדרכו, אַ איד וואוינט אַליין אין אַ שטאָט וואו עס וואוינען נאָר גוים. די שטאָט פירט זיך אויפ'ן אַפּעל פון ספּעציעלע ממונים וואָס דער מיניסטער האָט דאָרט באַשטימט.

דער מיניסטער אַליין, וואוינט נישט אין שטאָט, נאָר ווייט פון דאָרט. ער קומט נאָר איינמאָל אַ יאָר, פאַר אַן איבערבליק צו זען אויב אַלעס קלאַפּט ווי ס'דאַרף צו זיין. אַלע גוי'שע איינוואוינער פון דער שטאָט, האָבן פיינט געהאַט דעם איד מיט אַ געפערליכער שנאה, און ממילא, יעדעסמאָל ווען דער מיניסטער איז געקומען אין שטאָט

אין דער באַשטימער צייט, און דער איד האָט זיך געוואָלט דערנענטערן צו אים און זיך אָפּרעדן פאַר אים אויף אַלע פּראָבלעמען וואָס ער האָט, זענען זיינע גוי'שע שונאים אייביג שוין געשטאַנען דאָרט פאַר אים און האָבן גערעדט שלעכטס אויף אים פאַר דעם מיניסטער, אַזוי אַז דער איד האָט נישט געקענט צוגיין צום מיניסטער און בעטן פון אים זיינע באַדערפענישן. דאָס אַלעס האָט גורם געווען אַז ער זאָל ליידער ווערן זייער אָרים ל"ע.

אַמאָל האָט ער זיך באַראָטן מיט זיינע גוטע פריינט וואָס צו טוהן, און זיי האָבן אים גערעכט אַז אין דעם טאָג ווען דער מיניסטער דאַרף אָנקומען אין שטאָט, זאָל ער אויפשטיין פאַרטאָגס, אפשר וועט ער באַגעגענען דעם מיניסטער נאָך איידער זיינע שונאים וועלן קומען אים באַרעדן, און דאַן וועט ער קענען באַקומען אַלעס וואס ער דארף, וויבאַלד קיינער וועט נישט שטיין דאָרט און אים באַרעדן.

דער נמשל איז, דאָס איז אַ גוטע עצה אוך פאַר אונז, אידן, **זיך צו פעדערן ראש השנה ביינאַכט און אַ גאַנצע נאַכט מתפלל זיין צום באַשעפער, איידער עס קומט דער יום הדין ווען דער שטן שטייט און זוכט מקטרג צו זיין חלילה אויף אונז**, און צו שטערן אונזערע תפילות. דאָס איז די כוונה פון פסוק, 'קומי רוני בלילה לראש אשמורות', '**ראש אשמורות**' מיינט מען פאַר ראש השנה. 'שפכי כמים לבך נוכח פני ה'', לאמיר זיך אויסגיסן דאס הארץ זוכן דער בוכ"ע געפינט זיך אַליין, אָן די מקטרגים, דעמאָלס געפינט זיך נאָך נישט דער שטן דאָרט, און ממילא, וועט מען דעמאָלס קענען אויס'פועל'ן אַלעס וואָס מען בעט. ('קול יעקב', איכה ב, יט)

מיר האָבן געהערט פון ערליכע אידן, אַ גאָר גוטע סגולה, צו **ענדיגן צוויי מאָל גאַנץ ספר תהלים אין דער ערשטער נאַכט ראש השנה, און עס איז מסוגל אויף גאָר גרויסע ישועות** [טייל זאָגן אַ רמז דערפאַר אין פסוק (תהלים פא, ח) 'אענך בסתר רעם'. בסת"ר איז ראשי תיבות **ב' ס**'פרי **ת**'הלים **ר**'אש השנה].

אַ מקור דערצו קען מען טרעפן אין **ספר 'בינת יששכר'** (געדרוקט אין פּראַג, פאַר 250 יאָר צוריק), אַז ער האָט געזען אין אַ ספר אַז **ס'איז גוט צו זאָגן ראש השנה ביינאַכט צוויי מאָל תהלים** פון אָנהייב ביז'ן סוף, ווייל דער ספר תהלים האָט דאָך 150 קאַפּיטלעך, און צוויי מאָל 150 איז 300, אַזוי ווי די צאָל פון וואָרט 'כפר', און עס איז מענינא דיומא, אַז מ'דאַרף האָבן אַ כפרה, עכ"ל.

מיר האָבן געהערט אַן עדות נאמנה פון אַ באַקאַנטן פוסק, אַז ער האָט געוואַרט אויף קינדער 22 יאָר, און איין יאָר ערב ראש השנה, האָט אַן אומבאַקאַנטער איד אים אַריינגעשיקט אַ בריוו וואו ער שרייבט אים וועגן דער סגולה, און ער האָט אַזוי געטוהן, און צום יאָר איז ביי אים געבוירן געוואָרן זיין איינציגע טאָכטער.

דער איד אַליין האָט מפרסם געווען די דאָזיגע סגולה, און איין יאָר, ווען ער האָט גערעדט פאַר יום טוב פאַר אַ גרופּע עלטערע בחורים פון אַ באַקאַנטער ישיבה, האָבן דרייסיג בחורים מקיים געווען די סגולה, און ביז דריי חדשים זענען 29 פון זיי געוואָרן חתנים בשעטו"מ.

דאָס אויסזאָגן תהלים צוויי מאָל ראש השנה ביינאַכט, איז אַוודאי נישט פון די לייכטע סגולות, ספּעציעל אַז מאָרגן, ראש השנה, דאַרף מען שטיין לאַנגע שעה'ן ביים דאַווענען מיט אַ קלאָרן מוח, אָבער פונדעסטוועגן, ברענגען מיר דאָ די סגולה, כדי מ'זאָל וויסן וועגן דעם כח פון די סגולה, און דער עיקר איז, אויסצונוצן די צייט ריכטיג, און נישט פאַרברענגען אַפילו איין סעקונדע פון דעם הייליגן טאָג, און **מ'זאָל זאָגן כאָטש איינמאָל תהלים, אָדער אַ טייל דערפון, ווי ווייט מעגליך, אָדער מ'זאָל עס איינטיילן צווישן די בני בית, א.ד.ג.**

**יעדן יאָר זאָגן אידן עדות וועגן 'אותות ומופתים' צו וועלכע זיי האָבן זוכה געווען אין דעם זכות, אַז דאָס מזל זאָל זיך טוישן ביי זיי 'מן הקצה אל הקצה', און אויך ביי זאַכן וואָס עס האָט אויסגעזען ווי מ'האלט שוין 'נאָך די גזירה', אַז ס'איז חלילה נישטאָ קיין שאַנס אויף דער וועלט אַז זיי זאָלן ווערן איבערגעדרייט צום גוטן, מיט בני חיי ומזוני, מיט גוטע שידוכים, יעדער איינער וואָס ער דאַרף האָבן.**

מיר ווייסן פון אַ משפּחה וואָס פיר פון זייערע קינדער האָבן געוואַרט אויף שידוכים, יעדער איינער פון זיי, מיט זיין אייגענע 'מעשה'. איין געשיכטע, ערגער פון דער צווייטער. אינמיטן דער סעודה ראש השנה ביינאַכט, האָבן זיי געשמועסט וועגן דער סגולה, און זיי האָבן **צעטיילט דעם ספר תהלים צווישן זיך**, און יענעם יאָר האָבן אַלע פיר חתונה געהאַט בשעטומ"צ, מיט גאָר גוטע זיווגים, וואָס זענען 'לכתחילה שבלכתחילה'.

דאָס זעלבע מיט 'בני' - זוכה צו זיין צו קינדער. אַ באַקאַנטער איד אין פלאָרידאַ האָט אונז דערציילט, אַז ער האָט געוואַרט צוואָנציג יאָר אויף קינדער, און אַלע פּעולות וואָס ער האָט געטוהן, האָבן ליידער נישט געהאָלפן. איין יאָר ראש השנה ביינאַכט, האָט ער געזאָגט מיט כוונה צוויי מאָל תהלים, און ער איז געהאָלפן געוואָרן למעלה

למעלה מדרך הטבע! און דאָס אַלעס איז נאָר אַ טראָפּן אינעם ים וואָס מ'האָט געהערט אין משך פון יאָרן וועגן וואונדערליכע ישועות וואָס קומען נאָכ'ן טוהן די דערמאנטע וואונדערליכע סגולה.

און אָט איז אַ מעשה פון צוויי ברידער, וואָס איינער איז שוין געוואָרן 28 יאָר, און דער צווייטער איז שוין געווען 32 יאָר אַלט. ראש השנה תשפ"ג, האָט דער יונגערער ברודער געטוהן די סגולה, און ער איז יענעם יאָר געהאָלפן געוואָרן למזל טוב. דאָס זעלבע האָט געטוהן דער עלטערער ברודער אַ יאָר שפּעטער - ראש השנה תשפ"ד, און אויך ער האָט יענעם יאָר חתונה געהאַט אין אַ מזל'דיגער שעה.

מיר האָבן געהערט פון די בעלי העובדא וועמען מיר קענען גוט, אַז ענדע חודש אלול תשפ"ה, האָט אַ כלה וואָס איז געווען 25 יאָר אַלט, און ערשט דעמאָלס האָט זי זוכה געווען חתונה צו האָבן. זי האָט געטוהן די סגולה, ווען איר טאַטע איז ראש השנה תשפ"ה געווען נישט געזונט ל"ע אויף די נירן. זיין מצב האָט זיך פאַרפלאָנטערט אויף שרעקליכן אופן רח"ל, אַזוי אַז די 'דיאַליסיס' באַהאַנדלונגען האָבן שוין נישט געהאָלפן, און דער דאָקטאָר האָט געלאָזט וויסן אַז לויט זיין מיינונג, האָט דער איד געציילטע טעג אָדער וואָכן צום לעבן...

די ערשטע נאַכט ראש השנה, האָט זיין טאָכטער, דאָס 25 יעריגע מיידל, אויסגעזאָגט מיט מסירות נפש, צוויי מאָל דעם ספר תהלים, נישט וויסנדיג אויף וואָס פריער צו בעטן, אַז איר טאַטע זאָל ווערן געזונט, אָדער זי זאָל שוין זוכה זיין צו אַ גוטן שידוך (מ'דאַרף דאָ דערמאנען, אַז זי האָט אַזוי געטראַכט, אָבער למעשה, איז קלאָר, אַז מ'קען בעטן אַלעס וואָס מ'דאַרף האָבן, און נישט דווקא איין זאַך). וועגן דעם האָט זי געבעטן זי זאָל זוכה זיין צו זען איר טאַטן אָנקומען געזונט און שטאַרק צו איר חתונה.

וכך הוה, מיט גרויסע ניסים, האָט איר טאַטע דורכגעמאַכט אַ נירן-טראַנספּלאַנטאַציע, קעגן אַלע שוואַרצע נביאות'ן פון די דאָקטוירים, און ער איז ברוך השם געוואָרן פולשטענדיג געזונט, און זי - די טאָכטער - האָט זוכה געווען צו אַ גאָר פיינעם זיווג בעהי"ת, און ענדע חודש אלול תשפ"ה, איז פאָרגעקומען איר חתונה, מיט דער באַטייליגונג פון איר טאַטן, געזונט און שטאַרק ב"ה. שבת שבע ברכות ביי דער סעודה, האָט די כלה אַליין מקיים געווען 'שיחו בכל נפלאותיו', און דערציילט ברבים די גאַנצע השתלשלות.

נאָך אַ בריוו האָבן מיר באַקומען פון אַ איד וואָס האָט געוואַרט פיר און אַ האַלב יאָר אויף זרע של קיימא, און אין משך פון דער גאַנצער צייט האָבן די דאָקטוירים נישט געקענט דערגיין וואָס דער פּראָבלעם איז. ראש השנה תשפ"ה, האָט דאָס פּאָרפּאָלק, דער מאַן און זיין פרוי אויסגעזאָגט צוויי מאָל תהלים, און זיי זענען געהאָלפן געוואָרן חודש תמוז תשפ"ה, מיט אַ געזונט קינד בלע"ה, **אויף אַ נאָרמאַלן נאַטירליכן אופן, אָן דער באַהאַנדלונג פון דאָקטוירים.**

און אָט איז נאָך אַ מעשה, די ערשטע נאַכט ראש השנה תשפ"ה, האָט אַ חשובע בחור אויסגעזאָגט צוויי מאָל תהלים פאַר זיינס אַ קרובה, וועלכע האָט געוואַרט לאַנגע יאָרן אויף איר זיווג. **דעם ערשטן טאָג ראש השנה**, איז איינגעפאַלן פאַר דאָס מיידל צו גיין דאַווענען אין שול פון דער קהילה וואו זי באַלאַנגט, כאָטש זי איז דאָרט קיינמאָל נישט אַריינגעגאַנגען דאַווענען אין די ימים נוראים. דער אויבערשטער האָט אויך אַריינגעגעבן אין האַרץ פון אַן אַנדערע פרוי, צו גיין דאַווענען אין דער זעלבער שול, כאָטש זי האָט דאָרט קיינמאָל נישט געדאַוונט. ביים דאַווענען, האָט זי געזען דאָס מיידל דאַווענען, און זי האָט איר גאָר שטאַרק געפעלן, און פון דאָרט איז אַנטשטאַנען דער שידוך בשעה טובה ומוצלחת.

**איידער מיר ענדיגן מיט דעם ענין, ווילן מיר נאָר קלאָר מאַכן איין פונקט:** ווי געזאָגט, טוט תפילה **אייביג** פועל'ן, ספּעציעל אין די יעצטיגע טעג, און נאָך מער אין דער ערשטער נאַכט ראש השנה, בפרט טוט דאָס אויסזאָגן תהלים צוויי מאָל שפּאַלטן הימלען, ווי געזאָגט. ווי אידן מאמינים גלייבן מיר אין דעם מיט'ן גאַנצן האַרץ. דער אויבערשטער טוט טאַקע ווייזן בחוש ווי די תפילות פועל'ן אויבן אין הימל די גרעסטע ישועות אין אַלע ענינים לטובה ולברכה.

**אָבער למעשה, דאַרף מען אויך געדענקען, אַז מיר פאַרשטייען נישט די הימלישע חשבונות**, און אָפט מאָל הערט מען ווי מענטשן רעדן זיך אָפּ אַז זיי זענען נאָך נישט געהאָלפן געוואָרן, דאַרף מען געדענקען, אַז **אַ 'בשר ודם' אויף דער וועלט, קען קיינמאָל נישט וויסן גענוי וואָס און ווי אַזוי ער האָט גע'פועל'ט**, אָבער עס איז אויסער יעדן ספק, אַז יעדע תפילה טוט אויף גאָר אַסאַך, צי אויפ'ן אָרט, אָדער שפּעטער, צי ביי דעם ענין אַליין, אָדער ביי אַנדערע ענינים וואָס זענען אַ טובה און אַ ברכה פאַר דעם מענטש וואָס איז מתפלל, און ער ווערט געהאָלפן אויף אַן אופן למעלה מדרך הטבע.

אַזוי זאָגן די ספרים אַ רמז אין פּסוק (קהלת ב, יד) 'החכם עיניו בראשו', אַז דער וואָס האָט שכל זעט אַז אַלעם ווענדעט זיך אין דעם 'קאָפּ', און ער פאַרשטייט אָפּצושאַצן ווי טייער ס'איז יעדע רגע אין ראש השנה, וואָס איז דער 'משפיע' אויפ'ן גאַנצן יאָר[כא].

**כתבנו בספר פרנסה וכלכלה - דער חיוב און זכות אז מ'קען בעטן אויף פרנסה**

אין דעם הייליגן טאָג ווערט פאַרשריבן און באַשטומט מיט אַ פּונקטליכקייט די פרנסה פאַר יעדער באַשעפעניש אויף דער וועלט[כב] (ביצה טז.), און ממילא,

---

און אָט איז אַ בריוו וואָס מיר האָבן באַקומען פון אַ איד, וועלכער שרייבט אונז, אַז ראש השנה תשפ"ה האָט ער אויסגעזאָגט צוויי מאָל ספר תהלים פאַר אַ געוויסע ישועה, און דאָ האַלט מען שוין ביים סוף פונעם יאָר און ער וואַרט נאָך אַלץ אויף די ישועה, אָבער מיט דעם אַלעם עס איז אים וויכטיג מחזק צו זיין אַנדערע מענטשן צו טוהן די סגולה, ווייל **ער האָט נישט קיין ספק אַז די סגולה און דער כח פון זאָגן ספר תהלים צוויי מאָל ראש השנה ביינאַכט, איז אים בייגעשטאַנען מערערע מאָל דאָס יאָר**, ביי פאַרשידענע אַנדערע זאַכן.

ער רעכנט אויס, צום ביישפּיל, אַז אַלס אַ מלמד פאַר תלמידים, איז ער געפאָרן מיט זיינע תלמידים אויף אַ שפּאַציר, וואו ער איז אומגעפאַלן אויף אַ שרעקליכן אופן ל"ע, וואָס בדרך הטבע וואָלט ער געדאַרפט באַקומען פונעם קלאַפּ אַ שטאַרקן זעץ אין קאָפּ רח"ל וואָס וואָלט געשאַפן אַ לעבנס געפאַר ה' ירחם, אָבער דער אויבערשטער האָט אים געראַטעוועט און ער איז פאַרוואונדעט געוואָרן אויף אַ לייכטן אופן. עס האָט נישט געשאַדט פאַר'ן קאָפּ ח"ו, און אפילו נישט קיין 'טרוקענע' מכות אין קאָפּ, נאָר אַ וואונד וואָס ער האָט זיך שנעל דערהוילט דערפון. ער שרייבט, אַז ער האָט געזען בחוש ווי דער אויבערשטער האָט געטוהן מיט אים אַ חסד און אים געהיטן און געשיצט.

ער גיט צו, אַז אין לויף פונעם יאָר איז ער אויך געהאָלפן געוואָרן מערערע מאָל מיט בשורות טובות און וואונדערליכע ישועות אין די ענינים פון געזונט און פרנסה, און כאָטש ער האָט ראש השנה ביינאַכט מתפלל געווען אויף אַן אַנדערן ענין, איז ער מערערע מאָל געהאָלפן געוואָרן אין אַנדערע ענינים, אויף אַן אַנדערן וועג וואָס דער אויבערשטער האָט געזען אַז ס'איז ריכטיג פאַר אים.

ער פירט אויס אינעם בריוו, אַז ער האָפט אַז דאָס וועט שטאַרקן אַלע וואָס זענען מסופק צי זיי זאָלן טוהן די סגולה, אויסצוזאָגן תהלים צוויי מאָל ראש השנה ביינאַכט, ע"כ.

**כא.** דער גאון בעל 'חפץ חיים' זי"ע האָט געזאָגט, אַז דער וואָס ווערט נישט נתעורר אין ראש השנה מתפלל צו זיין צו דעם אויבערשטען, איז ער אַזוי ווי אַ בעה"ב וואָס זיין הויז איז אַרויף אין פלאַמען, און ער איז געלעגן רואיג אין בעט, און כאָטש אַלע האָבן געשריגן צו אים, 'פייער! פייער!' האָט ער זיך נישט ווייסנדיג געמאַכט פון זיי און זיך נישט באַמיט צו ברענגען וואַסער כדי צו ראַטעווען זיין פאַרמעגן.

דער נמשל איז קלאָר, אין דער יעצטיגער טייערער צייט קען דער מענטש פועל'ן מ'זאָל פאַר אים פאַרשרייבן אַ יאָר פון שפע און ברכה, אָבער ער מיט זיין נאַרישן שכל, פירט זיך ממש ווי יענער טיפּש וואָס באַמיט זיך נישט צו ראַטעווען עפּעס פונעם פייער.

דאָס איז די כוונה פון ירושלמי (געברענגט אין רמ"א, סי' תקפג ס"ב) 'מאן דדמיך בריש שתא דמיך מזליה'. דאָס הייסט, ער לייגט נישט צו האַרץ אויסצונוצן די צייט אין ראש השנה.

ס'איז באַקאַנט וואָס דער 'מגן אברהם' שרייבט (סי' תקפג סק"ו) 'והיושב בטל כישן דמי'. דער וואָס זיצט און טוט גאָרנישט, איז גלייך ווי ער וואָלט געשלאָפן. האָט געפרעגט דער באָבובער רב, הרה"ק בעל 'קדושת ציון' זצ"ל הי"ד, אַז לכאורה וואָלט געווען געגנוג צו זאָגן 'היושב בטל כישן'. דאָס וואָרט **'דמי'** איז לכאורה איבעריג. נאָר באמת, איז דער 'יושב בטל', נישט ממש ווי איינער וואָס שלאָפט, ווייל **דער וואָס שלאָפט, האָט כאָטש אַ מעלה ווען ער שלאָפט, אַז כאָטש ער האָט נישט אויסגענוצט די צייט מתפלל צו זיין, אָבער ער האָט על כל פנים אַ נוצן פון זיין שלאָף, אָבער דער וואָס זיצט ליידיג האָט נישט קיין שום נוצן דערפון, ממילא, איז ער נאָך ערגער ווי איינער וואָס שלאָפט כאָטש...**

**כב.** אין ירושלים האָט געוואוינט אַ איד, הרב ר' יוסף וויינבערג ז"ל, וועמען דער אויבערשטער האָט געבענטשט מיט אַן עשירות. אַמאָל האָט אויסגעבראָכן אַ גרויסער 'קריזיס' אין די געשעפטן, און אַלע סוחרים פון ירושלים זענען אַרומגעגאַנגען פאַר'דאגה'ט און צעטומלט, ווייל זייער גאַנצער עתיד האָט זיך געוואַנדן אויף דעם ווי אַזוי עס וועט זיך ענדיגן דער 'קריזיס'. ר' יוסף וויינבערג איז געווען דער איינציגער וואָס איז אַרומגעגאַנגען רואיג אויך

איז עס די צייט צו בעטן פון דעם אויבערשטען: 'אבינו מלכינו, כתבינו בספר פרנסה וכלכלה', און אויך אַלע אַנדערע הצטרכות'ן וואָס מען דאַרף.

**און** אויב איינער וועט קומען און טענה'ן אַז דער זוהר הקדוש זאָגט (תיקוני זוהר כב.) 'צווחין ככלבין הב הב', אַז די מענטשן וואָס בעטן אויף פרנסה, זענען אַזוי ווי די הינט וואָס שרייען, 'גיב און גיב'... האָט שוין אָבער געזאָגט וועגן דעם, דער בעל שם טוב הקדוש זי"ע ('בעל שם טוב' עה"ת, ליקוטים לר"ה ויוה"כ, כד) **אַז דער זוהר הקדוש רעדט נישט וועגן אונזערע היינטיגע צייטן**[כג], **ווען דער חסרון אין פרנסה שטערן פאַר דעם מענטש**

---

אין דעם מצב. אין אַ שיינעם טאָג איז ער געפאָרן קיין טבריא, און ער האָט דאָרט באַגעגענט דעם שפּעטערדיגן סלאָנימער רבי'ן, הרה"ק בעל 'ברכת אברהם' זי"ע, וועלכער האָט דאַן געוואוינט אין טבריא, און דער 'ברכת אברהם' האָט געפרעגט ר' יוסף'ן, ווי אַזוי האָט איר געהאַט די כוחות הנפש איבערצולאָזן אַלע אייערע געשעפטן און אייער הויז אין אַזאַ צייט, ווען אַלעס 'הענגט אויף אַ האָר'. האָט רבי יוסף געענטפערט:

- **מיין יריד איז ראש השנה!**

ער האָט געמיינט צו זאָגן, ראש השנה איז די צייט ווען מ'קען ענדערן דאָס וואָס מ'איז באַשערט פאַר דעם מענטש, אָבער אין משך פון יאָר, איז דאָס נישט מער ווי אַ 'גילוי', אַן אנטפּלעקונג וויפיל און וואָס מ'האָט באַשטימט אין ראש השנה... זינט דאַן, פלעגט דער 'ברכת אברהם' אַסאַך איבער'חזר'ן די ווערטער וואָס רבי יאָסל וויינבערג האָט אים געזאָגט: 'מיין יריד איז ראש השנה... מיין יריד איז ראש השנה'...

**כג.** הרה"ק בעל 'בית ישראל' מ'גער זי"ע האָט געזאָגט (ליל ראש השנה תש"ט, אין ערשטן יאָר פון זיין הנהגה פון גערער חסידות - געברענגט אין ספר 'פאר ישראל', ח"א, ע' רצג), אַז זיין זיידע, הרה"ק בעל 'חידושי הרי"ם' זי"ע האָט געזאָגט אין זיין צייט, אַז דעם ערשטן טאָג ראש השנה זאָל מען נישט בעטן אויף גשמיות, נאָר אויף מלכות שמים און אויף 'אידישקייט', נאָר אין צווייטן טאָג ראש השנה, קען מען בעטן אויף פרנסה און אַנדערע גשמיות'דיגע באַדערפענישן.

און דער 'בית ישראל' האָט צוגעגעבן, די צוויי טעג פון ראש השנה ווערן דאָך גערעכנט אַזוי ווי אַ 'יומא אריכתא' - איין לאַנגער טאָג - און האָבן איין קדושה, און באמת האָבן אויך אידישקייט און פרנסה איין קדושה, און 'הא בהא תליא' - איינס ווענדעט זיך אין אַנדערן, ווייל כדי מיר זאָלן קענען דינען דעם אויבערשטען מיט תורה און תפילה, און ערציען אונזערע קינדער ריכטיג, דאַרפן מיר האָבן אַ שפע פון פרנסה בכבוד, און **אויב אַזוי, קען מען בעטן אויף פרנסה אויך אין ערשטן טאָג ראש השנה.**

### מן הבאר

הרה"ק רבי משה קאָברינער זי"ע האָט געזאָגט, אַז זיין רבי, דער הייליגער לעכעוויטשער זי"ע, האָט מקפיד געווען אויף איינעם וואָס האָט אַריינגעשריבן אין 'קוויטל' אין די ימים נוראים בקשות אויף פרנסה, זאָגנדיג, ווי אַזוי קען אַ מענטש טראַכטן אין אַזאַ צייט וועגן זיינע צרכי הגוף, ווען מ'דאַרף גוט זיך באַטראַכטן 'במה יתרצה עבד אל אדוניו' - מיט וואָס מ'קען איבערבעטן דעם גרויסן באַשעפער.

פונדעסטוועגן, האָט דער קאָברינער זי"ע געזאָגט אויף דעם, **אַז יעצט ווען אַ איד בעט אויף פרנסה, בעט ער אויף טהרת הנפש, ווייל דער תוכן פון זיין רצון איז אַז ער זאָל האָבן אַ קלאָרן דעת מתפלל צו זיין צום באַשעפער געהעריג, אָדער צו זאָגן אַ קאַפּיטל תהלים מיט אַ דעה צלולה, אָדער לערנען, מכבד זיין דעם שבת, צאָלן שכר לימוד, און דאָס אַלעס איז דאָך פאַר'ן צורך פון עבודת השם.**

די גמרא זאָגט (ר"ה טז:) אַז מ'בלאָזט שופר אין ראש השנה 'מיושב', און דערנאָך בלאָזט מען נאָכאַמאָל 'מעומד', כדי צו צעטומלען דעם שטן. האָט אויף דעם געזאָגט הרה"ק רבי שמחה בונם זי"ע פון פשיסחא ווייל **דער עיקר תירוץ וואָס אַ מענטש האָט אויף דעם וואָס ער האָט נישט געדינט דעם אויבערשטען געהעריג מיט'ן גאַנצן שלימות, איז צוליב די טירדות און צעטומלעניש וואָס ער האָט געהאַט צוליב פרנסה, און דאָס האָט גורם געווען אַז ער האָט נישט געהאַט אַ קלאָרע דעה צו לערנען און דאַווענען.** אויף דעם טענה'ט אָבער דער שטן, אַז דאָס איז נישט קיין תירוץ, ווייל דו האָסט געדאַרפט דינען דעם באַשעפער, און נישט קוקן אויף די טירדות פון פרנסה.

צו דינען דעם אויבערשטען מיט ישוב הדעת, און ממילא שאַדט עס נישט צו בעטן אויף פרנסה. **אדרבה, עס איז אַפילו דאָ אַ חיוב**[כד] **מתפלל צו זיין אויף פרנסה**[כה].

**ענליך** האָט געזאָגט הרה"ק רבי פנחס'ל קאָריצער זי"ע ('אמרי פנחס', אות תפה) בזה הלשון: **שוטים רעדן זיך איין 'צווחין ככלבין הב הב', און זיי זענען נישט**

---

ווערן דעם בלאָזן מיר שופר, און דער שטן ווערט צעטומלט און ער קענען נישט מקטרג זיין. דעמאָלס זעט איין דער שטן אַז **דאָס איז באמת יאָ זייער אַ גוטער תירוץ, אַז איינער וואָס ווערט צעטומלט צוליב די טירדות, קען נישט טוהן זיין עבודה באמת און בשלימות.** (ספר 'שיח שרפי קודש')

ענליך האָט געזאָגט הרה"ק רבי יצחק'ל וואָרקער זי"ע ('שמועות יצחק', שבת שובה, אות ו) און ער האָט צוגעגעבן, אַז דאַן זאָגט דער מלאך מיכאל צו דעם שטן: **זע נאָר, פון איין תקיעה וואָס אידן בלאָזן ווערסטו באַלד צעטומלט און צעמישט, אויב אַזוי, ווי אַזוי וואַגסטו צו רעדן אויף 'מענטשן', וואָס דו ביזט דאָך אַ 'מלאך' און פונדעסטוועגן ביזטו געוואָרן דערשראָקן, אויב אַזוי, וואָס זאָל טוהן אַ מענטש, אַ 'קרוץ מחומר', ווען די טירדות צעטומלען אים.**

**כד.** די ספרים זאָגן אַפילו בדרך מליצה, אַז אדרבה, **דער וואָס איז מתפלל נאָר אויף ענינים פון רוחניות** (אויך במשך פונעם יאָר), **זעט אויס חלילה ווי אַ 'כופר במקצת'**, ווייל ער איז אַזוי ווי איינער וואָס זאָגט, כדי צו שטייגן אין רוחניות, דאַרף איך האָב סייעתא דשמיא, און וועגן דעם וועל איך מתפלל זיין דערויף, אָבער אין ענינים פון גשמיות קען איך מיר 'אַליין אַן עצה געבן'...

אַזוי האָט געזאָגט דער גאון רבי ישראל סאַלאַנטער זצ"ל (געברענגט אין ספר 'כוכבי אור', ע' רסב), און אַזוי האָט געזאָגט דער גאון בעל 'חזון איש' זצ"ל ('מעשה איש', ח"ג, ע' קנז) אַז **ראש השנה איז געגעבן געוואָרן צו בעטן אויך אויף אַלע באַדערפענישן וואָס דער מענטש דאַרף האָבן.**

**כה.** אדרבה, דאָס איז דער עיקר פון די תפילות, ווי הרה"ק מהר"ש מליובאַוויטש זי"ע האָט געזאָגט אַז **דער קרעכץ און געוויין אויף דעם גשמיות'דיגן מצב אין ראש השנה, איז אין גדר פון 'תשובה עילאה'.** (ספר 'ליקוטי דיבורים', ח"ד, ע' תשכ)

הרה"ק בעל 'קדושת ציון' מ'באָבוב זי"ע הי"ד פלעגט דערציילן, אַז אין ראָפּשיץ, צווישן די חבריא פון הייליגן ראָפּשיצער רב זי"ע, איז איינע פון די חסידים געווען אַ איד מיט'ן נאָמען רבי זאַנוויל. דער רבי זאַנוויל (ווענמען מ'האָט גערופן 'זאַנוויל ראָפּשיצער') איז געווען אַ בלוטיגער אָרימאַן ל"ע, אָבער ער איז געווען אַ שיינער בעל תפילה. אַמאָל האָט מען אים אָנגעבאָטן צו קומען דאַווענען אַלס שליח ציבור אין אַ געוויסע שטאָט אין די ימים נוראים, פאַר אַ שיינעם לוין. רבי זאַנוויל האָט זיך געקווענקלט צי ער זאָל אָננעמען דעם אָנבאָט. ווי קען ער זיין ראש השנה, נישט ביי זיין הייליגן רבי'ן, דעם ראָפּשיצער רב? דער שרעקליכער דחקות האָט אָבער 'געזיגט', און רבי זאַנוויל האָט אָנגענומען דעם אָנבאָט צו קומען דאַווענען ימים נוראים אין יענער שטאָט.

ווען רבי זאַנוויל איז אַריינגעקומען זיך געזעגענען פון ראָפּשיצער רב, האָט דער ראָפּשיצער רב אים געזאָגט שאַרף: 'אָהה, זאַנוויל, **ובכן תן פחדך, אויף געלט...**' האָט רבי זאַנוויל צוריק געענטפערט דעם ראָפּשיצער רב: **'ובכן צדיקים, אויף געלט...'**

און דער באָבוב'ער רב, בעל 'קדושת ציון', האָט צוגעלייגט צו די מעשה: 'און איך זאָג, **ובכן יתקדש שמך ה' אלוקינו, אויף געלט'**... דאָס מיינט, כדי אידישע קינדער זאָלן קענען דינען דעם אויבערשטען ווי ס'דאַרף צו זיין, דאַרפן זיי האָבן אַסאַך געלט...

ס'איז אַ גרויסער כלל, אַז דאָס גאַנצע בעטן אויף גשמיות, איז נאָר פאַר'ן צורך פון רוחניות, אַז מ'זאָל קענען דינען דעם אויבערשטען במנוחת הנפש. ממילא, איז אויך ווען אַ איד איז מתפלל צו האָבן גשמיות, איז גלייך ווי ער וואָלט געבעטן אויף רוחניות.

אַזוי זאָגט דער 'חתם סופר' זי"ע (סוף פ' תבא) אויפ'ן פסוק (תהלים כז, ד) 'אחת שאלתי מאת ה' אותה אבקש, שבתי בבית ה' כל ימי חיי'. חז"ל זאָגן (תענית ח:) אַז מ'זאָל נישט בעטן אויף צוויי זאַכן אויף איין מאָל, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (עזרא ח, כג) 'ונצומה ונבקשה מאלוקינו על זאת'. דאַרף מען פאַרשטיין, מיר בעטן דאָך אין די תפילת שמונה עשרה, און אין 'אבינו מלכנו', אויף אַסאַך זאַכן מיט אַמאָל.

איז דער תירוץ, **מיר מיינען נאָר איין זאַך, אַז מיר זאָלן האָבן אַלעס וואָס מיר דאַרפן האָבן, כדי צו קענען דינען דעם אויבערשטען.** דאָס איז די כוונה פון דעם פסוק, 'אחת שאלתי מאת ה' אותה אבקש'. איך בעט פון דעם

מתפלל אין ראש השנה און יום כיפור אויף פרנסה, דאָס האָבן זיי ניט, און דאָס בעטן זיי ניט [זיי זענען נישט אין אַ מדריגה נישט צו בעטן אויף פרנסה, און וויבאַלד זיי בעטן נישט, זענען זיי נישט זוכה צו פרנסה, און זיי בלייבן 'קרח מכאן ומכאן'].

**אויך** ווערט דאָרט געברענגט ('אמרי פנחס', שם, אות תפד), אַז הרה"ק רבי פנחס'ל קאָריצער זי"ע האָט אַמאָל געהייסן זאָגן פרשת המן אַלע צען טעג פון די עשרת ימי תשובה, און אַסאַך מאָל האָב איך געהערט ווי ער האָט אָנגעזאָגט אַז מ'זאָל מתפלל זיין אויף פרנסה און די אַנדערע הצטרכות'ן וואָס מ'דאַרף, צו גלייבן אַז דער אויבערשטער וועט אַוודאי ערפילן זיין פאַרלאַנג, און דאָס איז אַ גרויסע מצוה[כו].

**עס** זענען דאָ מענטשן וואָס טענה'ן, ווי אַזוי קענען מיר מתפלל זיין אויף בני חיי ומזוני פאַר דעם 'מלך א-ל רם ונישא', אָבער באמת, האָט הרה"ק רבי דוד'ל טאָלנער זי"ע שוין אָפּגעפרעגט זייער טענה ('כנסת דוד', ערך 'הזן את הכל'), און ער האָט עס אַריינגעטייטשט אין די ווערטער וואָס מיר זאָגן ביים דאַווענען אין די ימים נוראים: 'קדוש אתה ונורא שמך' - דער אויבערשטער איז אַ 'קדוש ונורא'. אויב אַזוי, ווי אַזוי קענען מיר בעטן פון אים וועגן אַ 'קוילטש' (חלה) און אויף אַנדערע ענינים פון פרנסה. אויף דעם זאָגן מיר, 'ואין אלו-ה מבלעדיך' - מיר האָבן דאָך נישט צו וועמען זיך צו ווענדן נאָר צו דעם אויבערשטען, וואָס ער שפּייזט די גאַנצע וועלט. פון וועמען דען זאָלן מיר בעטן, אויב נישט פון דעם אויבערשטען ברוך הוא.

### מלך מתרצה בדמעות - פאַרגיסן טרערן ביים דאַווענען

**עס** שטייט אין ספה"ק "שער הכוונות" (דף צ.) אַז טראָץ דעם וואָס ראש השנה איז א יום טוב, פלעגט זיין רבי, דער אריז"ל, אַ סאַך וויינען ביי די תפילות אין די צוויי טעג פון ראש השנה[כז], און אַוודאי אין די

---

אויבערשטען נאָר איין זאַך - נישט מער. וואָס בעט איך פון דעם אויבערשטען? **'שבתי בבית ה' כל ימי חיי'**, און **אַלע בקשות וואָס איך בעט ביי אַלע מיינע תפילות, זענען נאָר פאַר דעם צוועק.**

**כו.** אַ גרופּע חסידים זענען אַמאָל געקומען אויף יום טוב פון ראש השנה צו הרה"ק רבי אשר סטאָלינער זי"ע. זיי האָבן אָבער נאָר געדאַווענט ביים רבי'ן, אָבער די סעודות האָבן זיי געגעסן ערגעץ אַנדערש. ווען דער רבי האָט עס באַמערקט, האָט ער געזאָגט בדרך צחות:

- די חסידים דאַווענען דאָ אויף פרנסה, אָבער עסן, עסן זיי ערגעץ אַנדערש...

האָט איינער פון די אָנוועזנדע חסידים, הרה"ח רבי נתנאל ראַדזינער ז"ל (אַ זיידע פון הרב נתנאל ראַדזינער ז"ל פון בני ברק, וועלכער האָט אויפגעשטעלט דעם בית המדרש לתורה ולחסידות 'אש קודש'), געטראַכט ביי זיך, עס שטייט דאָך אין זוהר הקדוש אַז מ'זאָל נישט בעטן אויף פרנסה אין ראש השנה, אויב אַזוי, וואָס האָט דער רבי געמיינט מיט'ן זאָגן די ווערטער אַז זיי זענען מתפלל דאָ אויף פרנסה. שפּעטער, ווען דער דערמאָנטער חסיד איז אַדורכגעגאַנגען ביים הייליגן סטאָלינער צו ווינטשן אַ גוט יאָר, האָט דער רבי אים אָפּגעשטעלט און געזאָגט:

- **דאָס וואָס מ'טאָר נישט בעטן ראש השנה אויף פרנסה, איז נאָר גילטיג פאַר אַ מענטש וואָס האָט פרנסה און ער בעט נאָך, אָבער איין וואָס האָט אינגאַנצן נישט קיין פרנסה, מעג ער בעטן דערויף אין ראש השנה!**

און דער רבי האָט צוגעגעבן, אַז לויט דעם איז מדויק דאָס לשון פון זוהר הקדוש, וואָס ער דריקט זיך אויס שאַרף וועגן די מענטשן וואָס בעטן אויף פרנסה, 'צווחין ככלבין הב הב', און ער זאָגט נישט איין מאָל דאָס וואָרט 'הב' (גיב), ווייל דאָס גייט אַרויף אויף די מענטשן וואָס האָבן פרנסה, נאָר זיי בעטן **'נאָך'**, מער ווי דאָס וואָס זיי פאַרמאָגן שוין. **אָבער דער וואָס פאַרמאָגט גאָרנישט - און אויך איינער וואָס פאַרשטייט זיך צו מאַכן אַזוי ווי ער איז 'אָרים' - מיט'ן וויסן אַז אין ראש השנה פאַנגט זיך אָן אַ נייער חשבון, און ממילא איז ער גלייך אַזוי ווי איינער וואָס פאַרמאָגט נאָך גאָרנישט, אַזאַ איינער מעג בעטן 'הב לן מזוני' - גיב אונז פרנסה.**

**כז.** מיר זאָגן אין די סליחות, 'מכניסי דמעה, הכניסו דמעותינו לפני מלך מתרצה בדמעות'. מיר בעטן די מלאכים, זיי זאָלן אַריינברענגען אונזערע טרערן פאַר'ן באַשעפער, דער גרויסער קעניג וואָס ווערט באַוויליגט ווען מ'פאַרגיסט פאַר אים טרערן.

ס'איז אַ משל צו אַ מענטש וואָס פאַרמאָגט אַ געשעפט, און ער באַשטימט אַ מענטש צו באַדינען די פּאָטענציעלע קונים. איז דאָך זעלבסט-פאַרשטענדליך, אַז אויב עס קומט אַ קונה, טוט דער אַרבעטער וואָס איז געשטעלט

תפילות פון יום כיפור. ער פלעגט זאָגן, אַז דער מענטש וואָס עס 'באַפאַלט' אים נישט אַ געוויין אין די הייליגע טעג, איז אַ סימן אַז זיין נשמה איז חלילה נישט בשלימות[כח].

**די** צדיקים אין אַלע דורות האָבן טאַקע אַ סאַך אַרומגערעדט וועגן די גרויסקייט פון תפילה וואָס קומט אַרויס פון טיפן האַרצן מיט בכיות און תחנונים, ווייל דער אויבערשטער ברוך הוא, איז דאָך דער 'מלך מתרצה בדמעות'.

**דער** "ישמח משה" זי"ע זאָגט ("תוכחת חיים" לר"ה, יד) אַ משל, אַ קעניג האָט זיך געבייזערט אויף זיינע קנעכט און ער האָט זיי געוואָלט באַשטראָפן. זענען אַלע קנעכט און באַדינער זיך צוזאַמענגעקומען צו טראַכטן אַן עצה ווי אַזוי איבערצובעטן דעם קעניג. האָט זיך אויפגעשטעלט דער 'שר המשקים', און געזאָגט, אַז לויט ווי ער קען דעם קעניג שוין אַזוי פיל יאָרן, וועט מען אים נישט קענען איבערבעטן דורך אים 'אונטערקויפן' מיט אַ מתנה. עס איז פאַרהאַן נאָר איין עצה: צו דערלאַנגען פאַר'ן קעניג אַ געוויסן געטראַנק וואָס דער קעניג האָט זייער ליב, און ער וועט צולייגן צום געטראַנק אַ בריוו וואו זיי ווען זיך אַנטשולדיגן און בעטן מחילה פונעם קעניג. עס לייגט זיך אויפ'ן שכל, אַז ווען דער קעניג וועט האָבן אַ פריילעך געמיט, וועט ער זיי מוחל זיין אויף דעם וואָס זיי האָבן זיך פאַרזינדיגט קעגן אים[כט].

---

געוואָרן צו באַהאַנדלען די קונים, פירן די פאַרהאַנדלונגען מיט זיי, און אויב נויטיג, האט ער די רשות אַראָפּצולאָזן אַביסל פונעם פרייז, אָבער אויב עס קומט אַריין אין דעם געשעפט אַ 'בעסערער מענטש', וואָס זיין גאַנצער געשטעל און גאַנג זאָגט עדות אַז ער איז נישט געקומען סתם איינקויפן עפּעס, נאָר ער וויל דאָ מאַכן 'גרויסע געשעפטן' מיט'ן אייגענטימער, וועט דער אַרבעטער אים באַלד אַריינפירן אין צימער פונעם בעל הבית. דער אַרבעטער וועט נישט רעדן מיט אים, ווייל פאַר יענעם 'פּאַסט נישט' צו רעדן מיט אים, ווייל ער איז בלויז אַן אַרבעטער.

דער נמשל איז: מיר זאָגן צו די מלאכים, ענק פאַרשטייען דאָך נישט צו אַ 'אידישע טרער', וואָס אידישע קינדער פאַרגיסן צוליב דעם וואָס זיי ליידן ברוחניות ובגשמיות אין ביטערן גלות. וועגן דעם בעטן מיר, 'הכניסו דמעותינו לפני מלך מתרצה בדמעות', איר זאָלט אַריינעמען אונזערע טרערן אין היכל פונעם באַשעפער, דער גרויסער קעניג וואָס ער ווערט באַוויליגט צו יעדן איד וואָס פאַרגיסט אַ טרער.

וועגן דעם בעטן מיר ביי די מלאכים, 'השתדלו והרבו תחינה' איר זאָלט זיך משתדל זיין און מתפלל זיין פאַר אונז, אָבער אונזערע טרערן, זאָלט איר אַריינפירן אינעווייניג, צום 'מלך מתרצה בדמעות', אָן דעם וואָס איר זאָלט בכלל צורירן צו זיי...

**כח.** די פוסקים שרייבן ("אלף המגן", סי' תקפב סקמ"ה) אַז דער וואָס איז נישט בטבע אַ 'בעל בכי' זאָל כאָטש דאַווענען הויך און 'זיך מאַכן' ווי ער וויינט, כדי ער זאָל נתעורר ווערן און מעורר זיין זכותים אין הימל, און זיי ברענגען דערויף דעם פסוק (תהלים ו, ט) 'כי שמע ה' **קול** בכיי', דער אויבערשטער האָט געהערט דאָס '**קול**' פון מיין געוויין.

**כט.** אַן אַנדערן משל, האָט געזאָגט הרה"ק מסאטמאר זי"ע, אַ קעניג האָט פאַרטריבן פון קעניגליכן פּאַלאַץ זיין זון, ווייל ער האָט זיך פאַרזינדיגט קעגן אים, און טראָץ אַלע וואָרענונגען פונעם טאַטן דעם קעניג, האָט דער זון פאָרגעזעצט מיט זיינע שלעכטע מעשים.

עטליכע יאָר שפּעטער, האָט די קעניגין זיך זייער פאַרבענגט נאָך איר פאַרטריבענעם זון, און זי האָט זיך אַרויסגעלאָזט אויף אַ ווייטן וועג כדי אים אויפצוזוכן, ביז זי איז אָנגעקומען אין אַ ווייטן לאַנד וואו דער זון איז געווען אונטער אַרעסט. פון יענער זייט פונעם טויער, האָט דער זון אויסגעשריגן צו זיין מאמע אַ 'זעקה גדולה ומרה', אַז ער ליידט זיך דאָ אָן גרויסע פייניגונגען. זי זאָל זיך, אַלזאָ, דערבאַרימען אויף אים, און אים אַרויסנעמען פון די ביטערע תפיסה. האָט זיין מאמע - די קעניגין - אים געזאָגט:

- איך וועל דיר אַריבערוואַרפן אַ שליסל, מיט וועלכן דו וועסט קענען עפענען דעם פאַרפאַנצטערן טויער פון דער טורמע.

נאָך דעם ווי דער זון האָט געכאַפּט דעם שליסל וואָס זי האָט אים געוואָרפן, האָט ער פרובירט עפענען דעם טויער, אָבער דער טויער האָט זיך נישט געעפענט. ער האָט נאָך אַמאָל פרובירט עפענען, אָבער ס'איז ווידער נישט געגאַנגען. האָט ער אַרויסגעשריגן דורכ'ן טויער צו זיין מאמע, 'איז מעגליך, אַז דו האָסט מיר נישט געגעבן דעם ריכטיגן שליסל?' האָט די מאמע אים געענטפערט:

**דער** נמשל איז, ווען דער מענטש פאַרגיסט טרערן פון טיפן האַרצן ביים דאַווענען, ווערט דער באַשעפער באַוויליגט צו אים, ווייל ער איז דאָך אַ 'מלך מתרצה בדמעות', און דאַן, קען מען פון אים אויך בעטן מחילה, סליחה וכפרה[ל].

**ענדליבע** ווערטער שטייט אין ספה"ק 'ערבי נחל' (דרוש לר"ה) אַז יעצט איז די צייט איבערצובעטן דעם אויבערשטען פאַר אַלעם וואָס מיר האָבן געטון

קענען אים. מיט וואָס קענען מיר איבערבעטן דעם אויבערשטען? איז דער ענטפער, דער אויבערשטער איז דער 'מלך מתרצה בדמעות', און אַזוי קען מען אים איבערבעטן מיט טרערן. מיר פאַרמאָגן נישט עפּעס אַנדערש מיט וואָס אים איבערצובעטן, נאָר מיט טרערן[לא].

**זוי** גרויס עס איז דער כח פון תפילה און אידישע טרערן, קען מען זען פון די ווערטער פון דעם גאון בעל 'חתם סופר' זי"ע, וואָס ער זאָגט אויפ'ן פסוק

---

- איך בין זיכער אַז דאָס איז דער ריכטיגער שליסל פון דער טורמע, נאָר וואָס דען, אין לויף פון די יאָרן, איז דער שליסל געוואָרן 'פאַרזשאַווערט' און דערפאַר עפענט זיך נישט די טיר מיט'ן שליסל. **איך האָב פאַר דיר נאָר איין עצה: פאַרגיס אַ סאַך טרערן אויפ'ן שליסל, און אַזוי וועט דער גאַנצער 'ראָסט' און 'זשאַווער' פאַרשווינדן פון זיך אַליין, און דו וועסט קענען עפענען דעם טויער...**

דער נמשל איז פאַרשטענדליך: מיט אונזערע מעשים, האָבן מיר ליידער גורם געווען אַז דער 'שליסל' צו תשובה און מעשים טובים, זאָל 'פאַרזשאַווערט' ווערן. **אונזער איינציגע עצה איז, מיר זאָלן פאַרגיסן הייסע טרערן אויפ'ן שליסל**, און אַזוי וועט אָפּגעטון ווערן דער גאַנצער 'זשאַווער', און אונזערע תפלות וועלן אָנגענומען ווערן פאַר'ן הייליגן באַשעפער, אַז מיר זאָלן קענען אויס'פועל'ן אַ שנה טובה ומתוקה.

הרה"ק רבי נפתלי מעליצער זצ"ל האָט געזאָגט (״קדושת נפתלי״, ראש השנה) אַ רמז, דב"ש איז ראשי תיבות **ש**'ימה **ד**'מעתי **ב**'נאדך (תהלים נו, ט) - לייג אריין מיינע טרערן אין דיין פלעשל. דער אויבערשטער וויל פאַרשרייבן גוטס פאַר אידישע קינדער, נאָר דער שטן קומט און טריקענט אויס דאָס פלעשל פון טינט, אַז מ'זאָל נישט ח"ו קענען שרייבן גוטס אויף אידן. אויף דעם בעטן מיר: באַשעפער, **'שימה דמעתי בנאדך'** - לייגט אונטער די טרערן וואָס מיר פאַרגיסן אין די הייליגע טעג, אין דיין פלעשל, אונטער דעם טינט, **'הלא בספרתך'** - אויף אַזאַ אופן, וועסטו אונז קענען אַריינשרייבן לטובה ולברכה אין דיין ספר החיים, אמן.

**ל.** עס שטייט אין ספה"ק 'אמרי פנחס' (החדש, אות תסט) אַז ראש השנה איז ענדליך צו אַ חתונה. פונקט ווי ביי אַ חתונה, טאַנצן די געסט און זיי פרייען זיך מיט די שמחה פון חתן-כלה, אָבער ביי די חופה, וויינען דער חתן און די כלה. דאַרף מען פאַרשטיין, פאַרוואָס וויינען זיי? עס איז דאָך די גרעסטע שמחה אַז זיי וועלן זוכה זיין אויפצושטעלן אַ אידישע שטוב? אין אַ צייט ווען דער 'בעל אבידה' טרעפט זיין פאַרלוירענע זאַך (עי' קידושין ב:), וואָס אַ חתונה איז צוגעגליכן צו אַ מענטש וואָס געפינט זיין אבידה, ביז יעצט, איז ער געווען אַ 'פלג גופא', און יעצט איז זיין באַשאַפונג פאַרטיג געוואָרן, קומט דאָך צו זיין בשמחה?

נאָר דער טעם פאַרוואָס חתן-כלה, און אויך די עלטערן, וויינען ווען זיי שטייען אונטער די חופה, איז דערפאַר ווייל דער מענטש ווייסט דאָך נישט עתידות, ער קען נישט וויסן וואָס עס וועט פאָרקומען שפּעטער, און מען דאַרף האָבן אַ סאַך רחמי שמים אַז אַלעס זאָל זיך פירן כשורה. דער מאַן און די פרוי זענען צוויי פאַרקערטע נאַטורן, און כדי דער זיווג זאָל עולה יפה זיין, דאַרף מען האָבן אַ סאַך סייעתא דשמיא.

דאָס זעלבע איז ראש השנה. פון איין זייט, הערשט אַ גרויסע פרייד אַז די בריאה וועט באַנייט מיט נאָך אַ יאָר וואָס די וועלט וועט האָבן אַ קיום, אָבער ווער ווייסט וואָס מען פאַרשרייבט אין הימל, און דערפאַר וויינען מיר בשעת די תפילות אין די ימים נוראים.

**לא.** דער הייליגער 'קדושת לוי' זי"ע האָט אַמאָל, שטייענדיג אויף די בימה פאַר תקיעת שופר, זיך געוואַנדן אין דער ריכטונג פון די 'עזרת נשים', און געזאָגט:

- **ערליכע אידישע טעכטער: וואַשט אויס דעם שופר מיט אייערע טרערן, כדי איך זאָל קענען בלאָזן מיט'ן שופר!**

דאָס איז דער טעם פאַרוואָס מיר געפינען פאַרשידענע תפילות וואָס די גדולים אין אַלע דורות האָבן מתקן געווען אויף דער אידישער שפּראַך, ווייל חז"ל זאָגן אַז שערי דמעות לא ננעלו. ממילא, אויב די נשים צדקניות פאַרשטייען וואָס זיי זאָגן, קענען זיי פאַרגיסן טרערן.

(תהלים צג, ד) 'נכון כסאך מאז מעולם אתה, נשאו נהרות ה' וגו'". זאָגט דער 'חתם סופר', דאָס וואָרט "אז", וואָס האָט די אותיות א' און ז', איז מרמז אויף ראש השנה, וואָס איז דער ערשטער טאָג (א') פון דעם זיבעטן חודש (ז'), דאָס איז תשרי. אין דעם טאָג האָט דער אויבערשטער געקעניגט אויף די גאַנצע בריאה, ווי עס שטייט 'נכון כסאך מאז מעולם אתה'. זאָגט דער פסוק ווייטער, 'נשאו' - די אידן, הייבן אויף מיט זייערע טרערן, דעם אויבערשטן כביכול, עיי"ש.

**פון** דעם קען מען פאַרשטיין אַביסל פון דעם גרויסן כח און די פעולה פון טרערן פון די אויגן, וואָס טוען כביכול אויפהייבן די מלוכה פון באַשעפער.

**וזאונדערליכע** ווערטער, שרייבט דער 'ספר חסידים' (סי' קל), ס'קען אמאל זיין אַ מענטש וואָס איז נישט ווערד אַז דער אויבערשטער זאָל אָננעמען זיין תפילה, נאָר צוליב זיינע תפילות און תחנונים און די טרערן פון זיינע אויגן וואָס ער וויינט אייביג און ער בעט דעם באַשעפער, איז אפילו אויב ער האָט נישט קיין זכות און מעשים טובים, טוט דער אויבערשטער אָננעמען זיין תפילה.

**עם** שטייט אין ספר 'דרך משה' (הנספח לספר הגן, תוכחת מוסר ליום כ"ד), אַז די תפילה וואָס מ'בעט מיט טרערן איז חשוב און גאָר נאָנט אָנגענומען צו ווערן, ווי ס'איז באַקאַנט פון חז"ל[לב]. די טיר דורך וועלכער

---

די טרערן זענען אויך בכח אויסצואוואַשן דאָס האַרץ פון יעדן איד. די גמרא זאָגט (ב"מ נט.) אַז כאָטש די טויערן פון תפלה זענען ליידער געשלאָסן געוואָרן אין דער צייט פון גלות, זענען אָבער פאַרבליבן אָפען, די טויערן פון טרערן - 'שערי דמעות לא ננעלו'. זאָגט הגה"צ רבי אליהו אליעזר דעסלער זצ"ל, משגיח פון דער פּאָניעוועזשער ישיבה אין בני ברק, אַז דאָ רעדט מען נישט פון די טויערן וואָס געפינען זיך אין הימל, ווייל עס איז דאָך זיכער אַז די טויערן פון הימל זענען נאָך אַלץ אָפען אָנצונעמען די תפילות פון אידישע קינדער, נאָר די כוונה פון חז"ל איז אויף **די טויערן פון האַרץ, וואָס זענען ליידער פאַרשפּאַרט**, ביז מיר זענען נישט בכח צו דאַווענען און זיך אויסגיסן דאָס האַרץ פאַר דעם באַשעפער געהעריג. איז די עצה פאַר דעם, אַז כאָטש 'שערי תפילה ננעלו', זענען אָבער די טויערן פון אידישע טרערן געבליבן אָפען. **זאָל מען נאָר עפענען דעם קוואַל פון די טרערן, און דאַן וועלן זיך אויך עפענען די טויערן פון אידישע הערצער, און זיי וועלן קענען דאַווענען פאַר'ן באַשעפער**, און אויס'פועל'ן ברכות און ישועות אויפ'ן גאַנצן קומענדיגן יאָר.

הרה"ק בעל 'צמח צדק' זי"ע פון ליובאַוויטש, האָט אַמאָל באַזוכט אַן איינהייט פון אידישע סאָלדאַטן אין דער אַרמיי פון רוסישן צאַר (עס איז באַקאַנט ווי די גדולי הדורות האָבן געלויבט די אידישע סאָלדאַטן, וועלכע זענען בייגעשטאַנען די שווערסטע נסיונות און האָבן זיך געהאַלטן פעלזן-פעסט ביי אידישקייט). ווען דער 'צמח צדק' האָט געשמועסט מיט זיי, האָבן זיי אים געזאָגט:

- מיר האָבן שוין אויסגעוואַשן די קנעפּ אויף די מיליטערישע מונדירן וואָס מיר טראָגן ראש השנה, זאָל דער רבי אונז לערנען ווי אַזוי 'אויסצוואַשן' אונזערע נשמות...

האָט דער 'צמח צדק' זיי געפרעגט, מיט וואָס זיי האָבן אויסגעוואַשן די קנעפּ, און זיי האָבן געענטפערט, אַז זיי האָבן עס געוואַשן מיט זאַמד און וואַסער. האָט דער 'צמח צדק' זיי געזאָגט:

- מיט 'זאַמד' און 'וואַסער' קענט איר אויך אויסוואַשן אייערע נשמות... ווייל **קאַפּיטלעך תהלים זענען אַזוי ווי זאַמד, און די טרערן זענען דאָס 'וואַסער'**, וואָס מיט זיי וואַשט מען אויס און מ'רייניגט אָפּ די נשמה, ביז זי שיינט אַזוי ווי פריער (השיחות להצמח צדק, ער"ה, תר"ד).

**לב.** טרערן זענען בכח אויסצואוואַשן דאָס האַרץ פון אַ איד, און די גמרא זאָגט (ב"מ נט.) "אף על פי ששערי תפילה ננעלו, שערי דמעות לא ננעלו", כאָטש די טויערן פון תפילה זענען פאַרשלאָסן געוואָרן, אָבער די טויערן פון טרערן זענען נישט פאַרשלאָסן געוואָרן, נאָר זיי זענען געבליבן אָפן.

זאָגט אויף דעם דער משגיח, הגה"צ רבי אליהו אליעזר דעסלער זצ"ל, אַז חז"ל רעדן נישט דאָ וועגן די טויערן אין הימל אַז זיי זענען חלילה פאַרמאַכט געוואָרן, ווייל **ס'איז זיכער אַז די טויערן פון הימל זענען נאָך אַלץ אָפען און גרייט אָנצונעמען די תפילות פון אידישע קינדער**. דאָ רעדט מען נאָר וועגן די טויערן **פון האַרץ וואָס זענען פאַרשטאָפּט**, וואָס דאָס איז גורם אַז דער מענטש קען נישט מתפלל זיין און זיך אויסגיסן דאָס האַרץ פאַר'ן באַשעפער. און **די עצה דערצו איז נאָר טרערן**, ווייל אויך אויב די טויערן פון תפילה זענען פאַרשפּאַרט, זענען די טויערן פון

עס קומען אַריין די תפילות מיט טרערן, ווערט נישט געעפנט דורך אַ מלאך אדער אַ ממונה, נאָר פון דעם אויבערשטן בכבודו ובעצמו, דער אויבערשטער מיט זיינע רחמנות ענטפערט זיין תפילה און ערפילט זיינע פאַרלאַנגען צום גוטן, אמן כן יהי רצון, עכ"ל[לג].

**חדות ה' הוא מעוזכם - די גרויסע שמחה אינעם טאָג וואָס מ'קרוינט דעם קעניג**

**דוד המלך** ע"ה זאָגט אין תהלים: 'ישמחו השמים ותגל הארץ, ירעם הים ומלואו, יעלוז שדי וכל אשר בו וגו', לפני ה' כי בא כי בא לשפוט הארץ' (צו, יא-יג).

---

טרערן געבליבן אָפן. דער מענטש דאַרף עפענען דעם קוואַל פון טרערן, און מיט דעם עפנט ער אויך דאָס פאַרשלאָסענע האַרץ, אַז מ'זאָל זיך קענען אַוועקשטעלן פאַר'ן באַשעפער בתפלה ותחנונים אויסצו'פועל'ן די ישועה.

**מן הבאר**

הרה"ק בעל 'ישמח משה' זי"ע טייטשט דעם פסוק (קהלת יא, א) 'שלח לחמך על פני המים כי ברוב הימים תמצאנו'. די כוונה איז אויף אַ בקשה וואָס מען שיקט אַרויף אין הימל, **'על פני המים'** - דאָס מיינט מען די טרערן וואָס מען פאַרגיסט אַזוי ווי וואַסער, וואָס **זיי לאָזן איבער אַ גרויסן רושם אין הימל. זיי פועל'ן אַזוי ווי אַן עבודה און יגיעה פון אַ לאַנגער צייט.** דאָס זאָגט דער פסוק, **'כי ברוב הימים תמצאנו'** - אויב דו וועסט פאַרגיסן אַסאַך טרערן במשך פון אַסאַך טעג, וועסטו טרעפן אין ציל און דיין תפילה וועט אָנגענומען ווערן.

דער גאון רבי יהונתן אייבשיץ זי"ע זאָגט (יערות דבש', ח"א, דרוש יא) **וואויל איז פאַר דעם וואָס איז מתפלל צו דעם אויבערשטען מיט טרערן און מיט אַ צובראָכן האַרץ, ווייל אַזאַ תפילה קומט נישט צוריק ליידיג.**

**לג.** ס'איז אָבער פשוט אַז מ'רעדט נישט דאָ וועגן וויינען מיט עצבות ח"ו, נאָר **מ'דאַרף עס טוהן מיט שמחה**, ווי דער גאון בעל 'חתם סופר' זי"ע זאָגט, **ב**'שמך **י**'גילון **כ**'ל **ה**'יום, ראשי תיבות **'בכיה'**. דאָס קומט אונז לערנען אַז **שמחה און בכיה גייען צוזאַמען.** איין זאַך איז נישט אַ סתירה צו דער אַנדערער.

וועט דער מענטש פרעגן, ווי אַזוי קען מען צוזאַמענשטעלן שמחה מיט אַ געוויין: שרייבט שוין אויף דעם דער מאַדער רב, הגאון בעל 'לבושי מרדכי' זצ"ל (דער שווער בזיווג פונעם גאון רבי יוסף צבי דושינסקי זצ"ל, אב"ד חוסט וירושלים), אויפ'ן פסוק (תהלים מז) 'כי מלך כל הארץ אלקים זמרו משכיל'. אויב מיר געדענקען אַז דער אויבערשטער איז דער קעניג פון דער גאַנצער וועלט, ווי אַזוי קען מען זיך אַוועקשטעלן זינגען פאַר אים? (ווען דער מענטש זינגט, איז ער דאָך פריילעך). אויף דעם זאָגט דער פסוק, **'משכיל' - דער וואָס האָט שכל און פאַרשטאַנד, ווייסט אַז דאָס איז בכלל נישט אַ סתירה איינס צום אַנדערן.**

על דרך משל, אַ קעניג וואָס האָט אַ טייער קינד, וואָס ליידער האָט זיין מוח פלוצלינג אויפגעהערט אַרבעטן רח"ל, און די גרעסטע פּראָפעסאָרן האָבן נישט געקענט געפינען פאַר אים אַ רפואה. בלית ברירה איז דער קעניג געזוואונגען געווען אים אַריינצוגעבן אין אַ מוסד ספּעציעל פאַר גייסטיש קראַנקע רח"ל.

דער דירעקטאָר פון יענעם מוסד האָט זיך גאָר שטאַרק געפרייט מיט'ן נייעם 'קאַסטימער' וואָס ער האָט דאָ צובאַקומען, ווייל דער קעניג האָט אים באַצאָלט מיט אַ ברייטער האַנט פאַר יעדן טאָג וואָס ער האָט זיך אָפּגעגעבן מיט זיין זון מיט איבערגעגעבנקייט. אַזוי אַז עטליכע חדשים שפּעטער, ווען דעם קעניג'ס זון איז אויסגעהיילט געוואָרן, האָט דער דירעקטאָר פון דעם מוסד נישט געוואָלט איבערגעבן וועגן דעם פאַר'ן קעניג, ווייל ער האָט געוואוסט אַז דאַן וועט דער קעניג אַרויסנעמען זיין זון פונעם מוסד. און ער וועט מער נישט באַקומען באַצאָלט.

דעם קעניג'ס זון האָט יעדן טאָג געוואַרט, מ'זאָל שוין קומען אים אַרויסנעמען פון דאָרט. זיין האָפענונג איז אָבער געווען אומזיסט. האָט דער זון געשיקט אַ בריוו צו זיין טאַטן דעם קעניג, וואו ער שרייבט אַז ער איז ברוך השם שוין אינגאַנצן געזונט, און ער וואַרט שוין גערן צוריקצוקומען צום טאַטנ'ס פּאַלאַץ. דער דירעקטאָר, וואָס האָט נישט געוואָלט אים אַוועקשיקן, האָט באַלד צעריסן דעם בריוו, מיט דער האָפענונג אַז די בשורה פונעם זון'ס רפואה וועט נישט דערגרייכן דעם קעניג.

האָט דער זון פון דעם קעניג געשיקט נאָך און נאָך בריוו, און האָט בשום אופן נישט געקענט פאַרשטיין פאַרוואָס זיין טאַטע, דער קעניג, קומט נישט אים אָפּנעמען אַהיים. ער האָט דאָך אַזוי ליב דעם טאַטן, און דער טאַטע האָט

פון דעם פסוק, ברענגט דער 'מאירי' (חיבור התשובה, מאמר ב, פ"ז) **אַ ראיה אַז ס'איז אַ מצוה צו זיין בשמחה אין ראש השנה**[לד], ווען דער אויבערשטער קומט משפט'ן די גאַנצע וועלט, און מיר זענען זוכה מקבל פנים צו זיין דעם אויבערשטען כביכול[לה].

**אַזוי שרייבט דער גאון בעל 'חתם סופר' זי"ע** (דרשות חתם סופר, ז"ך אלול תק"ע)**: כאָטש ראש השנה איז אַ פאַרכטיגער טאָג, ווען דער אויבערשטער קומט משפט'ן אַלע באַשעפענישן פון דער וועלט, פונדעסטוועגן, איז עס אָבער נישט אַ טרויעריגער טאָג. אדרבה, דווקא**

---

אים ליב. ווען ער האָט אָבער אַביסל טיפער אַריינגעטראַכט דערין האָט ער פאַרשטאַנען אַז דער פאַרוואַלטער פונעם מוסד וואַרפט אַוועק זיינע בריוו, זיי זאָלן נישט אָנקומען צו זייער ציל, צוליב זיין באַגער אַז ער זאָל נאָך דאָרט פאַרבלייבן.

וואָס האָט דער זון פונעם קעניג געטוהן? ער האָט אָנגעשריבן אַ 'בריוו', וואו ער שרייבט 'צעהאַקטע' ווערטער און פאַרשידענע מאָלערייען, אַזוי ווי עס פירן זיך דריי-יעריגע קינדער... צווישן די שורות האָט ער באַהאַלטן עטליכע אותיות, וואו ער האָט 'אַריינגעשמוגלט' זיין טאַטן אַז ער זאָל שיקן און אים אַרויסנעמען פון דאָרט.

ווען דער דירעקטאָר האָט געזען דעם 'שיינעם' בריוו, האָט ער זיך געפרייט דערמיט, און עס געשיקט צום קעניגליכן פּאַלאַץ, ווייל אַזוי וועט דאָך דער קעניג טראַכטן, אַז זיין זון איז נאָך אַלץ אין דעם זעלבן מצב ווי פריער. ווען דער בריוו איז אָבער אָנגעקומען אין קעניג'ס הויז, האָט דער קעניג מיט זיין חכמה זיך פאַרטיפט אין דעם אינהאַלט פון דעם בריוו, און ער האָט באַלד פאַרשטאַנען די בקשה פון זיין באַליבטן זון, און געשיקט שליחים אים אַרויסצונעמען פון דעם מוסד און אים צוריקברענגען צום קעניגליכן פּאַלאַץ.

דער נמשל איז פשוט. אידישע קינדער שרייען צום באַשעפער בתפלה ובתחנונים, אָבער די מקטרגים לאָזן נישט אדורך די תפילות און זיי האַלטן זיי צוריק זיי זאָלן נישט קענען אָנקומען צום כסא הכבוד. וועגן דעם טוען די אידן זיך איבערקלייגן און הייבן אָן זינגען שירות ותשבחות צום באַשעפער, און די דאָזיגע געזאַנגען גייען אַרויף אָן שטערונגען, ווייל אויף דעם פאַרלייגן זיך נישט די מקטרגים עס צוריקצוהאַלטן, טראַכטנדיג אַז ס'איז נישטאָ אין זיי אַ תחינה און בקשה.

דער אמת איז אָבער, אַז אין די שירות ותשבחות זענען באַהאַלטן תפילות און בקשות, און דער אויבערשטער, דער אב הרחמן, הערט די אידישע תפלות, און ער ערפילט די פאַרלאַנגען פון אידישע קינדער לטובה ולברכה.

**לד.** דער 'שאגת ארי' (סימן כ"ב) איז מאריך צו אויפווייזן פון פילע ראשונים, אַז אַלע פון זיי האַלטן, אַז עס איז אַ **מצוה מן התורה צו זיין בשמחה אין ראש השנה**, און אַזוי פסקנ'ט דער משנה ברורה (תקצז סק"א) **להלכה**.

אין הגהת חתם סופר אויפן שו"ע (סימן תקצז), איז דער חת"ס מדייק פון לשון המשנה (ר"ה כט:) **'יום טוב** שחל להיות בשבת'. זעט מען פון דעם אַז **ראש השנה האט א דין פון 'יו"ט' און מען איז מחויב צו זיין בשמחה.**

הרה"ק בעל 'אמרי חיים' זי"ע האָט געזאָגט, אַז די ר"ת פון **מ**'לכיות **ז**'כרונות **ש**'ופרות (מיטן כולל), איז בגמטריא **שמח.** דאס איז א רמז, אז כאטשיג וואס ר"ה איז א יום דין, דארף מען אבער זיין בשמחה.

**לה.** דער גאון בעל 'חפץ חיים' זי"ע האָט געזאָגט אַ משל, דער רוסישער צאַר ניקאָלאַי ימ"ש האָט אַרויסגעשיקט אַ מעלדונג צו אַלע שטעט און דערפער אין רוסלאַנד, אַז דער קייסער גרייט זיך צו קומען אַ געוויסן טאָג, באַזוכן איבער'ן גאַנצן לאַנד, און יעדער איינער זאָל זיין גרייט יענעם טאָג.

דער ערשטער 'קבלת פנים' פאַר'ן צאַר ניקאָלאַי איז פאָרגעקומען אין דער קייסערליכער הויפטשטאָט פעטערבורג. דאָרט איז די אויפנאַמע פאַר'ן קייסער געווען מיט'ן פולסטן כבוד און ערע. דערנאָך האָט מען איינגעאָרדענט אַן אויפנאַמע אין מאָסקווע, אויך אויף אַ בכבוד'יגן אופן, אָבער שוין ווייניגער ווי אין פעטערבורג. אַזוי אין יעדע שטאָט האָבן די איינוואוינער אויפגענומען דעם צאַר ניקאָלאַי, לויט זייער מעמד און מצב.

אין אַ פאַרוואָרפענעם שטעטל, האָבן די אָרטיגע פויערישע איינוואוינער געהאַט אַ מאָדנעם מנהג מיט זייערע שוואַכע השגות, אַז יעדער גאַסט וואָס איז אָנגעקומען אין שטעטל, איז אויפגענומען געוואָרן מיט אַן אייגנאַרטיגן 'קבלת פנים', ווען מ'האָט אים באַוואָרפן מיט שטיינער... אַזוי אַז ווען דער 'פריץ' פונעם שטעטל האָט באַקומען די מעלדונג פונעם קייסערליכן פּאַלאַץ אַז דער צאַר ניקאָלאַי גרייט זיך צו קומען באַזוכן אינעם שטעטל, איז ער געווען ווי פאַרלוירן פון פחד. ער האָט שנעל צוזאַמגערופן אַלע פויערן פון שטעטל פאַר אַ וויכטיגע פאַרזאַמלונג, וואו ער

מיט אַ פריילעך האַרץ פון תשובה און אהבה און דביקות, און מיט אַ געזיין פון שמחה, וואָס איז מרומז אין פסוק 'ב'שמך י'גילון כ'ל ה'יום', ר"ת 'בכיה'. אָבער עצבות און צובראָכנקייט, 'לא יזכר ולא יפקד', עס געהערט צו די 'סיטרא דקליפא', און 'סיטרא דדינא', און מ'טאָר נישט מעורר זיין דינים ח"ו אין דעם טאָג, ע"כ.

**אַזוי** זאָגט דער נביא (נחמיה ח, י) וועגן ראש השנה: 'ואל תעצבו כי חדות ה' היא מעוזכם'[לו].

**אַ** שטאַרקע ראיה דערצו, ברענגט דער גאון רבי יוסף שאול נאַטאַנזאָהן זצ"ל (שאלות ותשובות 'שואל ומשיב', מהדורה רביעאה, ח"ג, סי' קכה), אַז לכאורה איז דאָ אַ בפירוש'ע ראיה אַז ס'איז נישט שייך 'יומא קשיא' ביי ראש השנה, ווייל מיר מאַכן דאָך די ברכה 'שהחיינו' אויף דעם יום טוב, און 'שהחיינו' מאַכט מען נאָר אויף פריילעכע זאַכן [צוליב דעם מאַכט מען נישט אַ 'שהחיינו' אויף ספירת העומר, ווייל עס איז נישט אַ זאַך וואָס מ'האָט הנאה דערפון, נאָר עגמת נפש - ס'איז דאָך אַ זכר צום חורבן בית המקדש]. ממילא אויב מ'זאָל זאָגן אַז עס איז אַן ענין פון עגמת נפש און 'דינא קשיא', איז דאָך פשוט אַז עס איז נישט שייך צו מאַכן אַ 'שהחיינו'. מוז זיין אַז עס ווערט נישט גערופן 'דינא קשיא'. 'והוא רחום יכפר עון והיום קדוש'.

**און** נאָך מער, די הייליגע אמהות זענען געהאָלפן געוואָרן מיט קינדער אין דעם טאָג, און אַלע טובות און הייליגע השפעות ווערן נשפע אין דעם טאָג. ביז'ן היינטיגן טאָג, האַלט מען ראש השנה צוויי טעג, אויך אין ארץ ישראל. אויב ראש השנה וועט געווען אַ 'יומא קשיא', וואָלט מען זיכער נישט מתקן געווען צו האַלטן ראש השנה צוויי טעג בלויז דערפאַר ווייל 'מנהג אבותינו בידינו'.

**קען** דער מענטש פרעגן: 'לשמחה מה זו עושה'? וויאַזוי קען מען זיין פריילעך אין דעם יום הדין? חז"ל זאָגן (ר"ה לב:) אַז די מלאכים האָבן געזאָגט צו דעם אויבערשטען, רבונו של עולם, פאַרוואָס זאָגן אידן נישט הלל אין ראש השנה און יום כיפור? האָט דער אויבערשטער זיי געענטפערט: איז דען מעגליך, אַז דער קעניג זיצט אויפ'ן כסא הדין און ס'איז אָפען פאַר אים די 'ספרי חיים' און 'ספרי מתים', זאָלן אידן זאָגן הלל? ע"כ. נו, מעג מען דען זיך פרייען אין ראש השנה?

**איז** דער תירוץ, ווי דער 'ספורנו' זאָגט אויף דעם פסוק (ויקרא כג, כד) 'זכרון תרועה'. 'זכרון תרועת מלך בו יגילו במלכם'. ס'איז אַ טאָג ווען מ'פרייט זיך מיט'ן

---

האָט זיי ערקלערט אַז דער קייסער גרייט זיך צו קומען באַזוכן אינעם שטעטל, און ער האָט אָרומגערעדט באריכות איבער דעם גרויסן זכות וואָס זיי וועלן האָבן אויפצונעמען דעם קעניג. דערביי האָט ער זיי געזאָגט, אַז ער פאַרלאַנגט גאָרנישט פון זיי צו טוהן עפּעס פאַר די אויפנאַמע פונעם צאַר - נישט צו רייניגן די גאַסן, און אויך נישט צו באַצירן די גאַסן מיט שיינע בלומען, **נאָר איין זאַך: וואַרפט נישט קיין שטיינער אויפ'ן קעניג און זיין קאַרעטע!**

דער 'חפץ חיים' האָט אויסגעפירט: יעדעס יאָר קומט די הייליגע שכינה אַראָפּ אויף דער וועלט אין ראש השנה. מיר דאַרפן אָנגרייטן אַ 'קבלת פנים' ווי עס פּאַסט פאַר דעם קעניג פון דער גאַנצער וועלט. די הייליגע אבות, וועלכע זענען געווען אַ 'מרכבה' פאַר די שכינה, פלעגן איר מקבל-פנים זיין מיט גרויס כבוד און פראַכט, אַזוי ווי פעטערבורג אין פאַל פונעם צאַר (להבדיל אלף הבדלות). משה און אהרן, און אויך די אַנדערע נביאים, האָבן אויך צוגעגרייט פאַר דעם אויבערשטען אַ 'קבלת פנים', כמעט אַזוי ווי די אבות, און אַזוי ווייטער אין יעדן דור - די תנאים, די אמוראים, גאונים און ראשונים, וואָס האָבן יעדעס יאָר צוגעגרייט אַ 'קבלת פנים' פאַר די הייליגע שכינה, ביז אונזער לעצטן דור. **וואָס פאָדערט מען פון אונז? 'וואַרפט נישט קיין שטיינער'!** 'אך בה' אל תמרודו', יעדער איינער אויף זיין אופן.

(געברענגט אין 'לקט רשימות', פון הגאון רבי נתן מאיר וואַכטפאָגל זצ"ל, משגיח אין די לעיקוואודער ישיבה - אלול, ימים נוראים)

דער קאָצקער רבי זי"ע האָט געזאָגט בדרך צחות, די וועלט פירט זיך אַז מ'עסט נישט ניסלעך אין ראש השנה, ווייל 'אגוז' מיט'ן 'כולל' איז בגימטריא באַטרעפט 'חטא' (18), ווי דער רמ"א שרייבט (או"ח סי' תקפג, ס"ב). האָט דער קאָצקער רבי געזאָגט, אַז אַזוי דאַרף מען אויך זיך היטן נישט צו זינדיגן ח"ו, **ווייל אויך 'חטא' איז בגימטריא 'חטא'...**

**לו.** דער 'חתם סופר' זי"ע איז מוסיף (טור ג, ד"ה 'בהיות'), אַז צוליב דעם האָט חנה נישט געבעטן אויף קינדער ביז אלקנה האָט איר באַרואיגט מיט זיין ווייכע שפּראַך, ווייל זי איז געווען פאַרטרויערט און געהאַט אַ צובראָכן האַרץ, און זי האָט געוואוסט אַז איר תפילה וועט נישט העלפן. אָבער נאָך דעם ווי זי האָט זיך באַרואיגט פון אלקנה, זאָגט דער פסוק 'ותקם ותתפלל' - זי האָט זיך אויפגעהויבן און מתפלל געווען צום באַשעפער.

קעניג[לז] און דאָס איז טאקע דערפאַר ווייל ער זיצט דעמאָלט אויפ'ן כסא הדין. דעמאָלס דאַרף מען זיך מער פרייען, ווייל ער איז אונזער קעניג[לח], און כדי ער זאָל איבערבייגן דעם משפט צו חסד, און אונז מזכה זיין ביים משפט, אַזוי ווי דער נביא זאָגט (ישעיה לג, כב) 'כי ה' שופטינו ה' מחוקקינו, ה' מלכינו הוא יושיענו'[לט].

**אויף** אַן אַנדערן אופן, שרייבט דער 'שפת אמת' (ר"ה שנת תרמ"ח) 'ישראל עם קדוש' זענען פול אין דעם טאָג מיט שמחה און חדוה, ווייל כאָטש עס איז אַ יום הדין, אָבער די אידן ווילן געזען ווערן פאַר'ן באַשעפער, ער זאָל זיי געדענקען צום גוטן. צוליב דעם זענען זיי פרייליך אין דעם טאָג.

## מלך על כל הארץ - זוכה זיין ביים משפט דורך שטאַרקן די אמונה

די גמרא זאָגט (ר"ה טז.) דער אויבערשטער זאָגט, 'אמרו לפני מלכויות, כדי שתמליכוני עליכם'.

**דאָס** איז דער יסוד פונעם יו"ט ראש השנה, דער בוכ"ע בעט פון אונז, אז אין די טעג זאלן מיר זיך מחזק זיין און חזר'ן אמונה, אז דער אויבערשטער איז דער קעניג איבער דער גאַנצער וועלט[מ], 'עשה ועושה ויעשה לכל המעשים'. ס'איז נישט דאָ אַ זאַך וואָס פּאַסירט אויף דער וועלט, וואָס ווערט נישט געטוהן מיט'ן רצון פון דעם באַשעפער און קיין שום זאַך איז נישט פאַרהוילן פון זיינע אויגן.

---

**לז.** דער קאָזשניצער מגיד זי"ע זאָגט ('עבודת ישראל', פ' נצבים, ד"ה 'אתם'), אַ טעם פאַרוואָס מזאָגט נישט 'נפילת אפים' ערב ראש השנה, ווייל **אין די טעג האָט דער מענטש נישט וואָס זיך אַרומצודרייען מיט אַן 'אַראָפּגעלאָזטן' פנים.**

עס שטייט אין 'תנא דבי אליהו' (פט"ז), מיט וואס איז ישעיה בן אמוץ אנדערש ווי אלע אנדערע נביאים, אז ער האט זוכה געווען צו נביאות זאגן איבער אלע טובות און נחמות פאר אידישע קינדער? **ווייל ער נעמט אויף זיך מלכות שמים מיט שמחה!**

**לח.** "בעל 'כנסת יחזקאל' מ'ראדאמסק זי"ע (אַ זון פון דעם 'חסד לאברהם' זי"ע, און אַן אייניקל פונעם בעל 'תפארת שלמה' זי"ע) שרייבט אז אַגאנץ יאָר, איז דאָ אַ 'מסך המבדיל' - אַ 'מחיצה' וואָס טיילט אָפּ צווישן אידן און זייער ליבן טאַטן אין הימל, אָבער אין **ראש השנה, איז נישט דאָ קיין שום הבדלה און חציצה צווישן אידן און דעם אויבערשטען.** אזוי גרויס איז די נאָנטקייט פון דעם אויבערשטען צו אידישע קינדער אין דעם טאג.

**לט.** דער סמ"ק מצוריך שרייבט (מצוה צ"א, הערה רעו), אַז מ'טוט אָן ווייסע בגדים אין ראש השנה, **ווייל עס הערשט אַ גרויסע שמחה**, און כדי מ'זאָל זיך נישט גרויס האַלטן ח"ו, טוט מען אָן ווייסע קליידער, כדי צו דערמאנען זיך פון דעם יום המיתה.

מ'קען אפשר ערקלערן די ווערטער פון דעם סמ"ק מצוריך על דרך משל, אַ קעניג האָט געוואָלט צוגרייטן און נאָמינירן זיין איינציגן זון אַלס קרוין-פּרינץ, וועלכער זאָל איבערנעמען פון אים דעם כסא מלוכה. ער האָט באַפוילן צוזאַמענצורופן אַלע מיניסטאָרן און בכבוד'יגע מענטשן פון גאַנצן לאַנד, און ער האָט דאַן געהייסן אַרויסנעמען די הערליכע קרוין פון די קעניגליכע אוצרות, און עס איבערגעגעבן פאַר איינעם פון זיינע באַדינער, וואָס פלעגט שטענדיג רייניגן דעם פּאַלאַץ, אַז דער דאָזיגער משרת זאָל גאָר אַרויפלייגן די קרוין פון זיין בן-יחיד.

איז דאָך פאַרשטענדליך, אַז אַזאַ משרת קען פּשוט 'אַראָפּ פון זינען' פון גרויס שמחה, אַז אַזאַ פּראָסטער באַדינער ווי ער, איז אויסדערוויילט געוואָרן פון אַלע מיניסטאָרן און אַדעל-לייט, אָנצוטוהן די קרוין אויפ'ן קאָפּ פונעם פּרינץ. דאָס איז דאָך אַ כיבוד וואָס איז ממש העכער פון זיינע השגות...

אַזוי האָט דער אויבערשטער אונז אויסדערוויילט פון אַלע צענדליגער טויזנטער מלאכים, שרפים און 'חיות הקודש', וואָס שטייען און באַדינען אים אין הימל, און ער בעט גאָר פון אונז אַז מיר זאָלן אים קרוינען אַלס דער קעניג פון דער גאַנצער וועלט - 'כדי שתמליכוני עליכם'. צוליב דעם טוט מען אָן ווייסע קליידער, כדי צו דערמאנען דעם יום המיתה, און אַזוי וועט מען זיך 'באַרואיגן' זיך נישט צו האַלטן גרויס.

**מ.** אַזוי שרייבט דער גאון רבי יהונתן אייבעשיץ זי"ע ('יערות דבש', ח"ב, דרוש א', און דער מקור דערפון איז אין 'תנא דבי אליהו', זוטא, כב), אַז די 'עשרת ימי תשובה' זענען אַנטקעגן די 'עשרת הדברות'. **דער ערשטער טאָג ראש השנה איז אַנטקעגן 'אנכי ה' אלוקיך', וואָס איז דער שורש פון די מצוה פון אמונה אין דעם באַשעפער**, און דער צווייטער טאָג ראש השנה איז אַנטקעגן 'לא יהיה לך אלהים אחרים' - צו לייקענען אין די עבודה זרה. און וויבאַלד ביידע דיברות האָבן איין ענין, ווערן ביידע טעג פון ראש השנה גערעכענט אַזוי ווי איין קדושה, און ווי איין 'יומא אריכתא'.

און אויף דעם זאָגט דער אויבערשטער: 'אמרו לפני מלכויות' - אין די טעג זאָלט איר בסדר איבער'חזר'ן דעם יסוד פון 'ומלכותו בכל משלה', אַז דער אויבערשטער איז דער 'מלך יושב על כסא רם ונשא', ביז די זאַכן וועלן אַריינדרינגען אין האַרץ, און עס זאָל זיין אַ בחינה פון 'כל עצמותי תאמרנה', אַז 'מלכותך מלכות כל עולמים וממשלתך בכל דור ודור'.

די ספרים זאָגן איבער דעם ענין, וויבאַלד דער אויבערשטער וויל אַז מיר זאָלן זוכה זיין ביים משפט, און מיר זאָלן זוכה זיין צו אַלע גוטע השפעות בגשמיות און ברוחניות פאַר'ן גאַנצן יאָר הבא עלינו לטובה, האָט ער אונז געגעבן די עצה און דעם כח אַז מיר זאָלן קענען זוכה זיין צו 'זכרינו לחיים'. ווי אַזוי? 'אמרו לפני מלכויות' - איר זאָלט זיך האַלטן פעסט ביי די אמונה. 'כי ממנה תוצאות חיים'. אמונה איז בכח ממתיק צו זיין אַלע דינים[מא], און ממשיך צו זיין אַסאַך רחמים, עס זאָל אונז אייביג גוט זיין.

---

**מא.** הרה"ק בעל 'דמשק אליעזר' זי"ע פון וויזשניץ, האָט געטייטשט דעם פסוק (תהלים יז, ב) 'מלפניך משפטי יצא, עיניך תחזינה מישרים'. דער אויבערשטער זאָגט צו דעם מענטש: **'מלפניך'** - דו קענסט איבערוועגן, ווי אַזוי עס זאָל זיין, **'משפטי'** - מיין משפט מיט דיר. ער גיט אָבער צו אַ תנאי: **'עיניך תחזינה מישרים'** - דו זאָלסט קוקן אויף יעדער זאַך מיט אַן אויג פון אמונה.

הרה"ק רבי משה לייב סאַסובער זי"ע האָט געזאָגט בדרך מליצה אויפ'ן פסוק (תהלים לג, כב) 'יהי חסדך ה' עלינו כאשר יחלנו לך'. **רבונו של עולם, מיר בעטן פון דיר, דו זאָלסט אונז געבן אַ גוט און זיס יאָר. און כאָטש דו זעסט נישט אין אונז קיין שום מעלה:** 'כאשר יחלנו לך' - **פונקט אַזוי ווי מיר האָפען און קוקן אַרויס צו דיר מיט'ן גאַנצן האַרץ, כאָטש מיר זעען דיך נישט** - 'כי לא יראני האדם וחי'. **פונדעסטוועגן, האָבן מיר אַ שטאַרקע אמונה אין דיר, און אַזוי זאָלסטו אויך טוהן גוטס מיט אונז.** ('ליקוטי הרמ"ל השלם', אות ה)

אַ חשוב'ער יונגערמאַן דערציילט, אַז ער האָט זייער געוואָלט 'קויפן' אַ זיץ אין דער שול וואו ער דאַוונט, אויף די ימים נוראים פון יאָר תשפ"ג, כדי ער זאָל קענען דאַוונען מיט ישוב הדעת און מנוחת הנפש. ער זאָל זיך נישט דאַרפן אַרומוואַלגערן פון איין אָרט צום אַנדערן... ליידער, האָט ער אָבער נישט געהאַט אין זיין באַזיץ דעם סכום וואָס עס קאָסט אַזאַ זיץ, און ער האָט געמוזט מוותר זיין אויפ'ן פלאַץ, ער האָט נישט געקויפט. ער האָט זיך אָבער געשטאַרקט מיט בטחון אין דעם באַשעפער ברוך הוא, אַז דער 'כל יכול' איז אימשטאַנד אים צו 'ערלעדיגן' אַן אָרט צום דאַוונען, אויך אָן דעם וואָס ער זאָל עס דאַרפן קויפן... במשך פון גאַנץ חודש אלול, האָט ער געדאַוונט צום אויבערשטען און געגלייבט מיט אמת'ע אמונה, אַז דער בוכ"ע וועט אים זיכער העלפן.

ערב ראש השנה, ווען ער איז געקומען אין שול אַריין דאַוונען, און איז צוגעגאַנגען צו די 'מאפע' וואָס האָט געהאַנגען אין הויף פון דער שול, צו זען וואו מ'האָט אים צוגעטיילט אַ פלאַץ, זייענדיג זיכער ביי זיך אַז ער האָט אַוודאי באַקומען אַ זיץ... זיין נאָמען האָט אָבער געפעלט אויף דער ליסטע פון די וואָס האָבן באַשטעלט אַן אָרט צו זיצן. האָט ער זיך בליית ברירה אַוועקגעשטעלט ביי איינע פון די אַדורכגענג צווישן די שורות, זיך שטופנדיג צווישן די פילע בחורים וואָס האָבן דאָרט געדאַוונט...

פלוצלינג, האָט אַ יונגערמאַן אים צוגערופן און אים געזאָגט: 'פאַרוואָס דאַרפסטו זיך שטופן אין דעם דורכגאַנג, דו האָסטו דאָך אַ פלאַץ נעבן מיר... האָט ער זיך זייער געוואונדערט, ווי אַזוי איז מעגליך אַזאַ זאַך. האָט יענער אים געזאָגט, 'גיב אַ קוק אויף דער ליסטע, וועסטו זען אַז דיין אָרט איז יאָ פאַרצייכנט אויף דער באַנק נעבן מיר'... איז ער אַ צווייטן מאָל געגאַנגען קוקן אויף דער ליסטע, און וואונדער איבער וואונדער: ביי יעדעמס פלאַץ, איז געשטאַנען דער נאָמען פון דעם מענטש וואָס פאַר אים איז באַשטימט דאָס אָרט, און אויך דער נאָמען פון זיין שטאָט, וואו עס איז אויפגעקלעבט דערביי אַ 'סטיקער' מיט די ווערטער 'ימים נוראים תשפ"ג', אָבער ביי זיין אָרט שטייט, 'ימים נוראים **תשפ"ב**'... און עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז **היי יאָר האָט מען 'בטעות' פאַרגעסן צו פאַרקויפן 'פונקט' דעם זיץ, און מ'האָט דאָרט איבערגעלאָזט דעם 'סטיקער' פון אַ יאָר פריער...**

זעען מיר פון די מעשה, ווי אַזוי דער 'מסבב כל הסיבות', דער אויבערשטער, האָט אים 'ערלעדיגט' אַן אָרט אויף אויב ער האָט עס נישט געקויפט דעם יאָר, אַדאַנק זיין אמונה, **ווייל דער אויבערשטער העלפט דעם מענטש אויף אַן אופן וואָס עס פאַלט גאָרנישט איין פאַר דעם מענטש אַז ער קען געהאָלפן ווערן אויף דעם וועג.** (אַוודאי קומען מיר נישט דאָ זאָגן אַז דער מענטש איז נישט מחויב צו טוהן השתדלות און ערלעדיגן פאַר זיך אַ 'זיץ' אויף די ימים נוראים... נאָר אויב ער

**דער** זוהר הקדוש (ח"ג קנט.) זאָגט אויף דעם פּסוק אין פּרשת נצבים (כט, כח) 'הנסתרות לה' אלוקינו'. מיר האָבן נישט וואָס נאָכצופאָרשן די 'נסתרות' - באַהאַלטענישן, ווייל ווער קען דען פאַרשטיין און משיג זיין די טיפקייט פון דעם באַשעפער'ס דעה, וואָס איז באַהאַלטן פון אַלעמענ'ס אויגן. מיר דאַרפן זיך נאָר שטאַרקן מיט אמונה פּשוטה אין דעם באַשעפער, אבינו אב הרחמן[מב], וואָס ער פירט די וועלט מיט חסד. 'המנהג עולמו בחסד, ובריותיו ברחמים'.

**דער** 'טור' (או"ח סי' תקפ"א) שרייבט, אַז מ'טוט זיך אָפּוואַשן און אָפּשערן ערב ראש השנה. 'מנהגו של עולם' אַז ווען אַ מענטש האָט אַ משפּט טוט ער אָן שוואַרצע קליידער, און ער הילט זיך איין אין שוואַרצן, און ער לאָזט וואַקסן די באָרד, און ער שניידט נישט זיינע נעגל, ווייל ער ווייסט נישט וואָס זיין אורטייל וועט זיין. אָבער אידן זענען אַנדערש. זיי טוהען אָן ווייסע קליידער און שניידן די נעגל, זיי עסן און טרינקען און פרייען זיך אין דעם טאָג פון ראש השנה, ווייל זיי זענען זיכער אַז דער אויבערשטער וועט טוהן מיט זיי אַ נס, און דערפאַר פירן זיי זיך אָפּצושערן און אָנצובאָדן ערב ראש השנה, און צוגרייטן אַ שיינע סעודה לכבוד יום טוב.

**דער** 'טורי זהב' (שם סק"ה) איז מוסיף, אַז מ'באָדט זיך און מ'שערט זיך די האָר ערב ראש השנה, און דער טעם דערפאַר שטייט אין 'טור', כדי צו ווייזן אַז מיר פאַרזיכערן זיך אויף דעם אויבערשטען, אַז ער וועט אַרויסגעבן אונזער אורטייל צום גוטן[מג]. דאָס הייסט, אַז דער בטחון אַליין איז גורם אַז מיר זאָלן זוכה זיין ביים משפּט[מד].

**און** אויף דעם זאָגן מיר אין די סליחות ערב יום הקדוש, 'בידי אין מעש ועל זאת לבי יפחד, אבל עתה בזוכרי מלכות שם המיוחד, ועל זאת אני בוטח, באומרים ה' אחד', ווייל אין די יעצטיגע טעג דאַרף מען זיך נאָך

---

איז צוליב וועלכע סיבה נישט ביכולת עס צו טוהן, דאַרף מען זיך נאָר שטאַרקן מיט אמונה און וויסן אַז דער אויבערשטער וועט אים אַוודאי העלפן, בפרט אַז 'אונס רחמנא פטריה'...).

**מב.** הגה"צ רבי משה מידנער זצ"ל, מגדולי חסידי סלאנים, זאָגט ('תורת אבות', ר"ה, אות יב) תקיעת שופר איז מרמז אויף אמונה, ווי דער פּסוק זאָגט (ישעיה כב, כג) 'ותקעתיו יתד במקום נאמן'. און אויף דעם זאָגט די גמרא (ר"ה כז.) 'דיבק שברי שופרות פסול' - אַ שופר וואָס איז צוזאַם-געשטעלט פון צובראָכענע שטיקלעך איז פּסול. **אמונה דורך חקירות און אַסאַך טענות** (אַזוי ווי אַסאַך צובראָכענע שטיקלעך פון שופרות) **איז אַ פּסול'ע אמונה.** מ'דאַרף זיך שטאַרקן מיט אמונה פּשוטה, אַזוי די תקיעה, וואָס גייט אַרויס אַ פּשוט'ן קול.

**מג.** מיר זאָגן אין די סליחות, 'חסות בצילך הנה באנו', אָט זענען מיר געקומען זיך איינהילן אין דיין שאָטן. זאָגן די ספרים אַ כוונה אין די ווערטער, ווייל די גמרא דערציילט (ב"מ פה:) אַז רבינו הקדוש (רבי) האָט געליטן שרעקליכע יסורים פאַר משך פון דרייצן יאָר, און די גמרא דערציילט דאָרט אַז ער האָט באַקומען די יסורים צוליב אַ מעשה שהיה, און די יסורים האָבן זיך אויך אָפּגעטוהן פון אים צוליב אַ מעשה, ומעשה שהיה כך היה:

אין אַ געוויסן טאָג האָט רבי געזען ווי מ'פירט אַ קעלבל צום שעכט הויז. דאָס קעלבל, וואָס האָט מורא געהאַט פאַר דעם שוחט, איז אַנטלאָפן און האָט זיך באַהאַלטן אונטער רבי'ס מלבוש. האָט רבי אים אַוועקגעשיקט פון זיך, און אים געזאָגט: 'גיי, פאַר דעם צוועק ביזטו דאָך באַשאַפן געוואָרן'. צוליב דעם איז אַרויס אַ גזירה אין הימל אַז רבי זאָל דאַרפן ליידן אַסאַך ווייטאָגן אין משך פון דרייצן יאָר.

איז לכאורה שווער, ביז דעמאָלס האָט מען דאָך אויך געשאָכטן קעלבלעך. און נאָך מער, צו וועט יעצט איינער זאָגן, אַז נאָך די מעשה וואָס האָט פּאַסירט מיט רבי, טאָר מען מער נישט שעכטן אַ קעלבל?

נאָר די כוונה פון דעם איז, אַז **ווען איינע פון דעם אויבערשטען'ס באַשעפענישן קומט כאַפּן שוץ אונטער די פליגל פון אַ מענטש - אפי' אויב זי איז נישט גערעכט דערמיט, טאָר מען איר נישט אַוועקשיקן פון זיך.**

דאָס זעלבע לדידן, פאַר אונז, אין די יעצטיגע טעג בעטן מיר זיך צו דעם 'א-ל רחום וחנון', און מיר זאָגן אים, כאָטש מיר האָבן ליידער געזינדיגט, **אָבער 'חסות בצילך הנה באנו', מיר קומען זיך שיצן אונטער דיין שאָטן, אויב אַזוי, ווי אַזוי קענסטו אונז אַוועקשיקן פון זיך?** דו האָסט דאָך אונז געלערנט אין דיין תורה אַז מ'טאָר נישט אַוועקשיקן איינעם וואָס קומט זיך שיצן אונטער דיינע פליגל, און אויב אַזוי, דאַרפסטו רחמנות האָבן אויף אונז, און משפּיע זיין אויף אונז אַ לעכטיג יאָר פול מיט הצלחה, אָן שום פּגע חלילה.

**מד.** אַזוי שרייבט הרה"ק בעל 'יסוד העבודה' זי"ע, אַז הרה"ק רבי נח לעכעוויטשער זי"ע פלעגט יעדן ראש השנה

מער פאַרזיכערן אויף דעם באַשעפער, דער 'אחד יחיד ומיוחד', וואָס ער איז אונזער 'מנוס ומברח' - דאָס אָרט וואו צו 'אַנטלויפן', ווי עס ווערט געברענגט, אַז דער אות ד' אין וואָרט 'אחד' (אין דעם פסוק 'שמע ישראל') איז גרויס, כדי מרמז צו זיין אַז עס איז דאָ אַן אָרט פאַר יעדן איד אַריינצוקומען אין די 'טיר' (דל"ת) פון אמונה אין אחדות השי"ת, און יעדער וואָס וויל אַריינקומען אונטער די פליגל פון די שכינה, קען דאָרט אַריינקומען.

**דער** גאון רבי שלמה קלוגער זצ"ל שרייבט (הגהות 'חכמת שלמה', או"ח סי' תקפ"ג, ס"א) וועגן דעם וואָס מ'עסט די 'סימנים' ראש השנה ביינאַכט, אַז די כוונה דערפון איז נישט צו עסן די מאכלים בדרך תפילה, ווייל ס'איז נישט דאָ אַן אָרט פאַר תפילה בשעת מ'עסט[מה]. דער עיקר טעם פאַרוואָס מ'עסט די סימנים איז כדי צו ווייזן, אַז מ'גלייבט אין דעם באַשעפער אַז ער וועט אונז פאַרשרייבן צו אַ גוט יאָר. 'ספּעציעל לויט ווי איך האָב געשריבן אין די דרושים פון פרשת תבא שנת תרי"ב, אַז ראש השנה דאַרף מען זיין פריילעך און בסדר זאָגן 'כל מה דעביד רחמנא לטב עביד', און 'גם זו לטובה'[מו], און מיט דעם וועט אַלעם באמת איבערגעדרייט ווערן צום גוטן'.[מז]

---

זאָגן מיט זיין הייליג מויל, **'חדות ה' הוא'** - ס'איז אַ שמחה און אַ גרויסער נחת רוח פאַר דעם אויבערשטען, ווען איר טראַכט און איר גלייבט וועגן זיין חסד, **'הוא מעוזינו'** - וואָס איז אונזער שטאַרקייט.

**מה.** פון דער צווייטער זייט, איז באַקאַנט וואָס עס שרייבט דער של"ה הקדוש (דער עיקר פון זיינע ווערטער, ווערן געברענגט אין משנה ברורה דאָרט, סק"ב) אַז **דער עיקר איז נתעורר צו ווערן צו תשובה ווען מ'עסט די סימנים**, ווייל פון וואו ווייסט מען אַז ווען מ'עסט 'כרתי', ווערן די שונאים פאַרשניטן? ס'איז דאָך מעגליך אויך פאַרקערט חלילה, אַז זיינע זכותים זאָלן פאַרשניטן ווערן ח"ו. און **ס'איז פשוט, אַז נישט דאָס עצם עסן די 'סימנים' איז גורם צו פאַרשניידן די שונאים, נאָר די תפילה און בקשה מיט די תשובה וואָס דער מענטש טוט דערביי, פּועל'ט מעורר רחמים צו זיין אויבן אין הימל.**

און באמת, איז 'אלו ואלו דברי אלוקים חיים'. אַ ירא שמים איז יוצאביידע זאַכן, סיי מיט תשובה און תפילה, און סיי מיט אמונה אַז אַלעס איז צום גוטן.

**מו.** אַ איד האָט זיך אַמאָל אויסגעאָסן דאָס האַרץ פאַר זיין רבי'ן, איבער זיין שוואַכן שלום בית, עד כדי כך, אַז ראש השנה ביינאַכט, האָט זיין ווייב אים דערלאַנגט דאָס 'ווידל' פונעם פיש, אנשטאט דעם קאָפּ... האָט דער רבי אים געזאָגט:

- צי דען האָסטו צוליב דעם געזאָגט 'שנהיה לזנב'?... דו האָסט אַוודאי געזאָגט 'שנהיה לראש'... דער עיקר ווענדעט זיך דאָך אַלעס אין די ווערטער וואָס מ'זאָגט. ממילא, איז נישט קיין חילוק אויב זי האָט אַוועקגעשטעלט אויפ'ן טיש אַ ווידל פון אַ פיש, אָדער אַ קאָפּ...

דער 'משנה ברורה' שרייבט (סי' תקפ"ג סק"ה), אַז **מ'דאַרף זיך זייער שטאַרק היטן זיך נישט צו בייזערן אין די יעצטיגע טעג, אויסער דעם גרויסן איסור פון כעס, כדי עס זאָל זיין אַ גוטער סימן.**

אַ יונגערמאַן האָט אַמאָל אויסגעדרוקט זיין זאָרג פאַר הרה"ק רבי מאָטל סלאָנימער זי"ע, אַז ער האָט נישט באַוויזן צו קויפן אַ 'קאָפּ', און ווער ווייסט וואָס פאַר אַ יאָר ער וועט האָבן... האָט הרה"ק רבי מאָטיל סלאָנימער אים געזאָגט:

- **נעם דעם ווידל פונעם פיש, און זאָג הויך אויפ'ן קול, עס זאָל שוין זיין 'סוף וקץ לכל צרותינו'.**

דער געדאַנק דערפון איז, **יעדער מענטש איז בכוח אויסצושטעלן זיין מצב צום גוטן, דורך דעם וואָס ער וועט גלייבן אַז דער אויבערשטער וועט אים טאַקע העלפן צום גוטן...** פאַרוואָס זאָל ער וויינען? ער האָט דאָך אייביג 'אַ וועג אַרויס' פון דעם פלאָנטער אין וועלכן ער געפינט זיך.

דער גאון רבי יהודה פתייה זצ"ל, איז אַמאָל געזעסן ביי דער סעודה ראש השנה ביינאַכט, אַרומגענומען מיט געסט, 'כולו אומר כבוד והדר'. ער איז געווען אָנגעטוהן אין ווייסע בגדים, און אויפ'ן טיש איז געשטאַנען אַ מנורה מיט גרויסע לעכט. פּלוצלינג האָט איינער פון די אָנוועזענדע אידן בטעות אַ שטופּ געגעבן דעם טיש, אַזוי אַז די לייכטער איז אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד, און די לעכט האָבן זיך פאַרלאָשן. ס'איז געוואָרן טונקל אינעם צימער... רבי יהודה פתייה האָט זיך אָבער צוריקגעהאַלטן נישט אַריינצופאַלן אין כעס ח"ו, און וויבאַלד ס'איז געווען טונקל אין הויז, איז ווען די רעביצין איז אַרויסגעקומען מיט'ן טאַץ פיש אין איר האַנט, איז דער טאַץ געפאַלן, און אַלעס האָט זיך אויסגעגאָסן אויף דער ערד...

רבי יהודה האָט זיך אויפגעשטעלט צו זען וואָס עס האָט פּאַסירט מיט די פיש. אָבער דאַן... 'שוד ושבר'... דער רב האָט זיך אויסגעגליטשט אויף די 'פיש יוהך'. ער איז געפאַלן אויף דער ערד, און זיין ווייסע בעקישע איז געוואָרן פאַרשמירט... מיט דעם אַלעם, האָט ער זיך אָבער איינגעהאַלטן. ער האָט זיך נישט געבייזערט, און אַפילו נישט אַרויסגעוויזן אַ רוגזא...

ביים סוף פון יענעם יאָר, האָט ער עדות געזאָגט וועגן זיך, אַז **ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געהאַט אַזאַ גוט זיס יאָר ווי יענעם יאָר. ער האָט געשפּירט אַ 'הארת פנים' פון הימל, און וואו ער האָט נאָר צוגעלייגט אַ האַנט, האָט ער מצליח געווען. ער האָט אויך זוכה געווען מחדש צו זיין גאָר שיינע חידושי תורה במשך פון יענעם יאָר.**

פון דעם קען יעדער איינער פאַרשטיין לויט זיין מצב, אַז **דער עיקר אין די דאָזיגע הייליגע נאַכט - און אין דעם טאָג פון ראש השנה - איז אָצונעמען אַלעס מיט ליבשאַפט און מיט אַ פריילִיך האַרץ, מיט אַ שלוות הנפש אַז אַלעס איז לטובה ולברכה.** דאַן איז אַלעס וואָס וועט מיט אים פּאַסירן, וועט ער האָבן נאָך אַ 'סימנא טבא', פאַר טובה, ברכה און הצלחה.

### מן הבאר

די זקני ירושלים פלעגן זאָגן, אַז אויב מ'האָט איינגעפּירט איינצוטינקען ראש השנה ביינאַכט די חלה און דאָס עפּל אין האָניג, כדי מרמז צו זיין אַז מיר זאָלן האָבן אַ גוט זיס יאָר, **איז דאָך אַ קל וחומר, אַז ס'איז נישט דאָ אַ בעסערער סימן ווי צו זיין אַ 'זיסער איד'.** דאָס הייסט, זיך אַרומצודרייען אין דעם טאָג מיט אַ פריילִיך פּנים, און דאָס וועט זיין פאַר אים אַ סימן אַז ער וועט מיט'ן אויבערשטען'ס הילף האָבן אַ פריילִיך יאָר.

הרה"ק בעל 'נתיבות שלום' זי"ע, האָט דערציילט וועגן איינע פון די צדיקים, אַז איין יאָר ראש השנה ביינאַכט ביי קידוש, האָט דער ווין זיך אויסגעגאָסן. ווען ער האָט געשניטן די 'המוציא', איז דאָס שטיקל חלה אַרויסגעפאַלן פון זיין האַנט. אויף די פיש זענען פאַרברענט געוואָרן, און מ'האָט עס פשוט נישט געקענט עסן. ווען די רעביצין האָט דאָס באַמערקט, האָט זי מורא באַקומען, ווער ווייסט, אפשר איז עס נישט אַ גוטער סימן פון הימל, ספּעציעל אין ראש השנה, ווען מ'טוט פאַרמערן מיט גוטע סימנים. זי איז געוואָרן טרויעריג, טראַכטנדיג צו זיך: 'מה זאת עשה אלוקים לנו'.

איר מאַן, דער צדיק, האָט איר אָבער באַרואיגט, אַז זי האָט נישט וואָס מורא צו האָבן, ווייל דער גאַנצער טעם פאַרוואָס מ'עסט גוטע און זיסע מאכלים, איז דאָך נאָר ווייל דאָס איז גורם פאַר די טבע פונעם מענטש צו זיין רואיג און פריילִיך. קומט אויס, אַז **דער עיקר פונעם גוטן סימן איז, אין די פנימיות פונעם מענטש, אַז ער איז רואיג און גוטמוטיג, און ער פאַרלאָזט זיך אויף דער הילף פון דעם אויבערשטען.** אויב אַזוי, כאָטש עס האָבן פּאַסירט נישט גוטע סימנים, אָבער אויב מיר וועלן בלייבן רואיג און זיך פאַרלאָזן אויף די חסדים פון דעם אויבערשטען, וועלן מיר אַוודאי זוכה זיין צו אַ גוט יאָר, ווייל **דאָס פנימיות פון האַרץ איז דער בעסטער סימן פאַר רחמים און חסדים.** (אדרבה, דייקא די רואיגקייט נאָך אַזעלכע 'איבערקערענישן', איז די ריכטיגע 'שלוות הנפש').

**מז.** הרה"ק בעל 'דברי שמואל' מ'סלאנים זי"ע, טייטשט דעם נוסח התפילה וואָס מיר זאָגן אין די הייליגע טעג, 'לצופה נסתרות ביום דין'. אַסאַך אידן גרייט זיך צו ראש השנה מיט אַ שטאַרקע הכנה, אָבער ווען עס קומט אָן דער יום הדין, פּאַסירט אַמאָל אַז זיי שפּירן נישט אַ התלהבות און התעוררות ביים דאַווענען. און נישט נאָר דאָס, נאָר ער זעט זיין חבר וואָס האָט זיך אינגאַנצן נישט צוגעגרייט פריער, אָבער ראש השנה דאַווענט ער מיט התלהבות, ער שפּירט אַ גרויסע התעוררות. זאָל ער נישט ווערן צובראָכן ביי זיך, נאָר ער זאָל זיך שטאַרקן מיט אמונה אַז **דער אויבערשטער איז אַ 'צופה נסתרות'.** ער זעט אַלע באַהעלטענישן פון האַרץ, אַלעס איז אַנטפּלעקט פאַר דעם אויבערשטען ברוך הוא. דער אויבערשטער ווייסט זיינע ווייטאָגן און יסורים. ער ווייסט גענוי וואָס פאַר אַ הכנות דער מענטש האָט געמאַכט צום יום טוב.

פאַרשטייט זיך, אַז אין די 'הייליגע טעג' איז וויכטיג צו זאָגן די 'תפילה קודם התפילה', וואָס דער הייליגער רבי ר' אלימלך פון ליזענסק זי"ע האָט מתקן געווען צו זאָגן פאַר'ן דאַווענען, **'והכן לבבינו'...** אָבער אויב מ'האָט געהאַט אַ נסיון, זאָל מען נישט ווערן בעצבות ח"ו. מ'דאַרף וויסן אַז אַ תפילה וואָס קומט אָן שווער, און מ'דאַרף האָרעווען דערויף, איז זייער חשוב אויבן אין הימל.

**קול דממה דקה ישמע - אין די לעצטע מינוט קען מען נאָך תשובה טוהן**

די ספרים הקדושים רעדן אַרום באַריכות וועגן דעם זמן איידער מ׳גייט בלאָזן שופר, ווען מ׳גייט אַרויס אין די מלחמה[מח], צו צעטומלען דעם שטן און ממתיק זיין אַלע דינים, און איבערדרייען זיי צו רחמים גמורים. עס כאַפּט דאַן אַ פחד און אַ ציטער[מט] פון דעם דין[נ], ווי מיר זאָגן אינעם פיוט ׳ונתנה תוקף׳, ׳ובשופר גדול

---

דעריבער איז כדי צו געדענקן, **אָנצונעמען מיט ליבשאַפט אַלעס וואָס מ׳גייט אַריבער.** ממילא, טאָר דער מענטש זיך נישט אפרעדן זיין אויף פאַרשידענע פראבלעמען וואָס ער האָט געהאַט יענעם טאָג. צום ביישפיל, ער האָט געפּלאַנט צו דאַווענען אין אַ געוויסע שול, אָבער צוליב אַ סיבה, איז ער געווען געצוואונגען צו דאַווענען ערגעץ אַנדערש. אַזוי זענען דאָ הונדערטער דוגמאות וואָס דער שטן וויל דורך דעם אַריינברענגען עצבות אין דעם מענטש צוליב קלייניגקייטן. **אויב דער מענטש האָט שכל, שטאַרקט ער זיך נישט נאָכגעשלעפּט צו ווערן נאָך דעם יצר הרע, נאָר ער איז שטענדיג בשמחה.** מ׳דאַרף וויסן אַז אדרבה, **אַלע ׳שטרויכלונגען׳ זענען מליצי יושר פאַר דעם מענטש, אויב ער איז זיך מכניע עס אָנצונעמען רואיג, מיט אַ שלוות הנפש.**

איינער פון די גאוני וצדיקי ירושלים האָט דערציילט, אַז זיין טאַטע איז לאַנגע יאָרן געווען דער שליח ציבור אין די ימים נוראים, אין דער ביהמ״ד ׳זהרי חמה׳ אין ירושלים. פאַר ראש השנה שנת תרפ״ה, איז אָנגעקומען קיין ארץ ישראל אַ חשוב׳ער איד, און געזאָגט אַז ער וויל דאַווענען פאַר׳ן עמוד אין די הייליגע טעג. זיין טאַטע, דער שטענדיגער שליח ציבור, איז געווען אין אַ פאַרלעגנהייט, ווייל ס׳איז אים געווען שווער אויפצוגעבן זיין לאַנגיאָריגן חזקה צו דאַווענען פאַר׳ן עמוד. איז ער אַריבערגעגאַנגען צו דעם מקובל רבי שלמה אלישיב זצ״ל, דער מחבר פון ספר ׳לשם שבו ואחלמה׳, פרעגן וואָס ער זאָל טוהן - צי ער זאָל זיך האַלטן פעסט אַז ער וויל אויך היי יאָר דאַווענען פאַר׳ן עמוד, אָדער ער זאָל מוותר זיין, און לאָזן יענעם חשוב׳ן אידן פון חוץ לארץ, זיין דער שליח ציבור. האָט דער ׳לשם׳ אים געזאָגט:

- **ווען עס מאַכט זיך אַן עגמת נפש פאַר דעם יום הדין, איז עס זייער בייהילפיג פאַר דעם מענטש זוכה צו זיין ביי דעם משפט.** ממילא, איז כדאי מוותר צו זיין. אויב עס איז באַשערט פאַר דיר צו דאַווענען פאַר׳ן עמוד, וועט עס דיר שוין אונטערקומען ערגעץ אַנדערש...

וכך הוה, מ׳האָט אים מכבד געווען צו דאַווענען אין אַן אַנדערע בכבוד׳יגע שול אין ירושלים.

**מח.** דער גאון רבי שלמה קלוגער זצ״ל שרייבט אַז לויט זיין מיינונג, זאָל דער בעל תוקע זאָגן פאַר די תקיעות, קאַפּיטל קמ״ד פון תהלים, ווייל דאָרט זאָגט מען (פסוק א) ׳המלמד ידי לקרב אצבעותי **למלחמה**׳, ווייל עס איז אַ גרויסע מלחמה וואָס מיר פירן אין דעם טאָג, און מ׳דאַרף פריער מתפלל זיין דערויף, און קאַפּיטל קמ״ד איז מסוגל אויב מען זאָגט עס בכוונה. (הגהות ׳חכמת שלמה׳, סי׳ תקפה, ס״ב)

**מט.** אַמאָל ווען דער בעלזער רב הרה״ק מהר״א זי״ע האָט געדאַרפט איינעם זאָגן מוסר אינמיטן ווינטער, האָט ער אים צוגערופן און אים געזאָגט: **ווי אַזוי האָסטו נישט מורא, עס וועט דאָך שוין באַלד קומען דער זמן פון פאַר תקיעת שופר...**

מיר האָבן שוין אָבער געזאָגט, אַז די פחד און התעוררות צו תשובה איז נישט קיין סתירה צו שמחה, ווי עס שרייבט דער גאון רבי חיים וואָלאָזשינער זצ״ל (ביים סוף פון סידור הגר״א, ׳כתר ראש׳, אות קד), אַז זיין רבי, **דער ווילנער גאון זי״ע, איז געווען גאר פרייליך איידער ער איז צוגעגאַנגען צו תקיעת שופר.**

דער ׳לבוש׳ זאָגט (סי׳ תקפד, ס״ב) אויף דעם וואָס די פוסקים שרייבן אַז מ׳פירט זיך אַז דער בעל תוקע איז עולה צו די תורה אין ראש השנה, ווייל דער פסוק זאָגט (תהלים יט, ט) ׳פקודי ה׳ ישרים משמחי לב׳, און אַזוי קען מען בלאָזן תקיעת שופר **מתוך שמחה וחדוה.**

די ספרים זאָגן אַ רמז, שופ״ר איז ראשי תיבות **ש**׳חוק **פ**׳ינו **ו**׳לשונינו **ר**׳ינה (תהלים קכו, ב), אַ רמז אַז **מ׳דאַרף בלאָזן שופר מתוך שמחה.**

אא״ז הרה״ק רבי משה מרדכי מלעלוב זי״ע פלעגט מאַכן די ברכה ׳שהחיינו׳, די צווייטע נאַכט ראש השנה ביי קידוש, אין זינען האָבנדיג דעם מילגרוים (וואָס ער האָט עס נישט געגעסן די ערשטע נאַכט פון יום טוב). איין יאָר, די צווייטע נאַכט ראש השנה פאַר׳ן טיש (וואָס ער האָט געפירט אין דער לעלוב׳ער שול אויף רחוב בהר״ן אין די מאה שערים געגנט פון ירושלים), איז זיין טאָכטער, רעביצין קאָפּ ע״ה, געקומען זאָגן אַז דער מילגרוים איז פול מיט ווערים, מ׳וועט עס נישט קענען

יתקע, וקול דממה דקה ישמע, ומלאכים יחפזון וחיל ורעדה יאחזון.

**מורא'דיגע** ווערטער שרייבט דער גאון רבי יהונתן אייבעשיץ זי"ע ('יערות דבש', דרוש יד) לאמיר זיך מתבונן זיין און זען ווי פאַרכטיג ס'איז דער טאָג פון דעם אויבערשטען, ווען עס ברענט אַ פייער אַרום און אַרום, און ביז תקיעות שופר ברענען פייערדיגע קוילן טויזנטער און טויזנטער פרסאות, און דערפאַר טוהען אפילו די מלאכים אין הימל ציטערן, ווייל מ'קען זיך נישט פאָרשטעלן ווי גרויס ס'איז דער פייער ביז עס קומט אָן דער שופר.

**ממילא,** איז עס די צייט צו תשובה טוהן מיט א אמת פאַר דעם באַשעפער, און אויך איינער וואָס האָט נאָך ביז יעצט נישט געשפירט אַ 'התעוררות', זאָל ער רחמנות האָבן אויף זיך און זיינע בני בית[נא], און ער זאָל לויפן צו כאַפן באַצייטנס[נב] די גוטע השפעות.

---

עסן, און קיין אַנדערע 'נייע פרי' פאַר אַ 'שהחיינו', איז נישט דאָ. האָט דער רבי געזאָגט (ער האָט נישט געמיינט צו זאָגן הלכה למעשה, נאָר צו לערנען דעם עולם וועגן זיך באַנייען מיט א 'התחדשות'):

**- נו, מה כל הרעש, איך וועל תשובה טוהן, וועל איך דאָך זיין ווי אַ ניי-געבוירן קינד, וועט מען קענען מאַכן אַ 'שהחיינו' אויפ'ן ניי-געבוירענעם יונגעלע...**

### מן הבאר

אין דער צייט ווען דער פריערדיגער בעלזער רב, הרה"ק מהרי"ד זי"ע, האָט האָט געוואוינט אין ראַצפערט, האָט ער אַמאָל באַגעגנט דעם ווייצענער רב, הגאון בעל 'מעשה למלך' זצ"ל, און אים געפרעגט: דער ניגון פון דער ברכה פאַר תקיעת שופר, איז ענליך צו דער תנועה פון דער ברכה פאַר'ן מגילה-לייענען אין פורים. אפשר ווייסט דער ווייצענער רב אַ טעם דערפאַר?

'הוא מותיב לה, והוא מפרק לה'. דער בעלזער רב האָט אַליין געענטפערט זיין קשיא: **ווען דער מענטש דערמאַנט זיך אין זיין רוחניות'דיגן מצב, און אין אַלעס וואָס ער האָט אָפּגעטוהן אין משך פונעם יאָר, קען ער חלילה וחס ווערן טרויעריג. וועגן דעם האָט מען מתקן געווען מ'זאָל עס זאָגן מיט'ן ניגון פון מגילת אסתר, כדי מ'זאָל ווערן בשמחה און תשובה טוהן מיט אַ פרייליך האַרץ.**

**נ.** דאָס איז דער טעם פאַר דעם וואָס די ספרים הקדושים שרייבן אַז **מ'זאָל נישט זאָגן 'וידוי' פאַר די תקיעות, כדי נישט צו דערמאַנען די חטאים ח"ו, און נישט צו געבן פאַר דעם שטן אַן אָרט מקטרג צו זיין ח"ו, אין אַזאַ מורא'דיגן זמן** (די גאַנצע 'שקלא וטריא' אין די פוסקים וועגן זאָגן 'וידוי' שטילערהייט, און אין געדאַנק, איז נאָר געזאָגט געוואָרן צווישן די תקיעות, נאָך דעם ווי מ'האָט שוין אָנגעהויבן צו בלאָזן, ווייל דער שופר האָט דאָך שוין אָנגעהויבן אויפטוהן זיינע גוטע פעולות).

**נא.** עס ווערט געברענגט אין ספר 'כתר שם טוב' (אות שלה), אַז איין יאָר פאַר די תקיעות, האָט דער בעל שם טוב הקדוש זי"ע זיך צעשריגן פון די טיפענישן פון זיין הייליג האַרץ:

**- איר האָט אַהער געברענגט אייערע קליינע קינדער, זאָל יעדער איינער פון אייך זיך מאַכן אַ 'חשבון הנפש', אויב ער האָט געברענגט זיינע קינדער אין שול אַריין, אַזוי ווי אברהם אבינו ע"ה האָט געפירט זיין זון יצחק צו די עקידה, זאָלט איר דעריבער תשובה, און מתפלל זיין פאַר אייערע קינדער.**

**נב.** דאָס איז דער טעם פאַרוואָס ס'איז דער מנהג ישראל תורה, צו זאָגן פאַר די תקיעות, דעם קאַפּיטל 'למנצח לבני קרח מזמור' (תהלים מז), ווייל די קינדער פון קרח זענען דאָך שוין געשטאַנען נאָנט צום שאול תחתיות רח"ל, נאָר אין דער לעצטער מינוט, ממש 'ביים טויער פון גיהנום', האָבן זיי זיך צוריקגעהאַלטן און האָבן תשובה געטוהן צו דעם אויבערשטען מיט'ן גאַנצן האַרץ, אַזוי ווי חז"ל זאָגן (מגילה יד.) אַז עס איז אויסגעפלאַסטערט געוואָרן פאַר זיי אַ ספעציעלן אָרט אין גיהנום. דאָס קומט אונז צו לערנען, אַז **יעצט, 'אין די לעצטע מינוט' פאַר תקיעת שופר, קען מען נאָך אַלץ תשובה טוהן..!**

נאָך אַ טעם ווערט געברענגט, אַז ס'איז דאָ אין דעם אַ לימוד זכות אויף אידישע קינדער. די קינדער פון קרח האָבן דאָך תשובה געטוהן ממש **'צום סוף'**, און זייער תשובה איז אָנגענומען געוואָרן, 'ובני קרח לא מתו'. ממילא, איז יעצט די צייט אָנצונעמען די תשובה פון אידישע קינדער, אויך איינעם וואָס איז שוין ליידער אָנגעקומען ביז'ן שאול תחתיות...

יעדער איינער זאָל נעמען אויף זיך אַ גוטע קבלה פאַר'ן ווערט אים ביישטיין ער זאָל זוכה זיין ביים משפט, צו גאַנצן קומענדיגן יאָר הבא עלינו לטובה[נג], און דאָס באַקומען אַלע מורא'דיגע גוטע השפעות וואָס קומען

---

הרה"צ רבי מרדכי ראַקאָווער זצ"ל, דער באַקאַנטער חסיד און 'בדחנא דמלכא', וועלכער פלעגט משמח זיין מיט ווערטלעך דעם הייליגן רבי'ן פון לובלין זי"ע, האָט אַמאָל ראש השנה נאָכ'ן דאַווענען, געזאָגט צום לובלינער:

- היינט האָבן פּאַסירט גרויסע ניסים מיט אידישע קינדער...

האָט דער רבי פון לובלינער געפרעגט רבי מרדכי'ן וואָס ער מיינט, האט ער געזאגט:

- אויב מ'וואָלט קובע געווען צו זאָגן פאַר די תקיעות זיבן מאָל קאַפּיטל קי"ט פון תהלים, וואָלטן מיר דאָך נישט אָנגעקומען צו בלאָזן שופר, צוליב דעם אריכות פון דעם קאַפּיטל...

און כאָטש די ווערטער פון רבי מרדכי ראַקאָווער וואָס ער האָט געענטפערט דעם רבי'ן פון לובלין, זעען אויס ווי סתם אַ 'ווערטל', איז אָבער דאָ אין דעם אַ טיפערע כוונה, ווייל אין דעם קאַפּיטל רעדט דוד המלך ע"ה וועגן די 'תמימי דרך', וואָס דינען דעם אויבערשטען בשלימות: 'אשרי נוצרי עדותיך'... 'בכל לבי דרשתיך'... 'ותורתך חנני', 'דבקתי בעדותיך', 'זכרתי משפטיך מעולם', 'חצות לילה אקום' 'טוב לי תורת פיך מאלפי זהב וכסף'... ממילא, אויב מ'וואָלט געזאָגט קי"ט פאַר די תקיעות, וואָלטן די מקטרגים חלילה געקענט טענה'ן אַז מ'זאָל איבערקוקן די מעשים פון אידישע קינדער, אויב זיי האָבן מקיים געווען וואָס זיי זאָגן דאָ... און ווער קען דען ביישטיין די האַרבקייט פונעם משפט, דעריבער איז אַ גרויסער 'נס' אַז מ'זאָגט נישט קאַפּיטל קי"ט, נאָר 'למנצח לבני קרח מזמור'...

**נג.** אַ חסיד האָט אַמאָל פאַר ראש השנה, זיך מזכיר געווען פאַר'ן בעלזער רב הרה"ק מהר"א זי"ע, אַז ער איז דער 'בעל תוקע' ראש השנה, און ער בעט דעריבער אַז דער רב זאָל אים אויסלערנען די כוונות פון די תקיעות. האָט דער בעלזער רב אים געזאָגט:

- ביי די תקיעות, דאַרף מען אין זינען האָבן 'רחמנא אמר תקעו', דער אויבערשטער האָט געהייסן בלאָזן, **נאָר דו דאַרפסט אַ גאַנץ יאָר געדענקען אַז דו ביזט דער 'בעל תוקע'...**

דאָס איז באמת געזאָגט געוואָרן נישט נאָר פאַר יענעם בעלזער חסיד דער בעל תוקע, נאָר פאַר יעדן איינעם פון אונז, אַז מ'דאַרף אַ גאַנץ יאָר געדענקען די ימי הדין.

מ'קען דאָס מרמז זיין אין לשון פונעם פסוק (ויקרא כג, כד) **'זכרון** תרועה'. מ'דאַרף **'געדענקען'** די תקיעות פון ראש השנה, אויך אינמיטן יאָר...

אַזוי האָט געזאָגט הרה"ק בעל 'אהבת ישראל' זי"ע, אַז ראש השנה ווערט אָנגערופן 'יום הזכרון', ווייל דער מענטש דאַרף טוהן פעולות צו געדענקען אַ גאַנץ יאָר אַז עס אָנהייב יאָר איז אַריבער אויף אים אַ 'ראש השנה', דורך דעם וואָס ער ווערט נעמען אויף זיך אַ גוטע קבלה וואָס זאָל אים באַגלייטן אַלע טעג פונעם יאָר.

הגה"ח רבי אברהם גאָטליב האָט דערציילט, אַז אַלס בחור האָט ער געלערנט אין דער ישיבה פון ווישאָווער רב הרה"ק רבי מענדעלע זצ"ל. אַמאָל זענען אָנגעקומען אין ווישאָווע צוויי תלמידים פון דער ישיבה פונעם 'חפץ חיים' זצ"ל אין ראַדין, צו זאַמלען געלט פאַר אַ דבר מצוה. איידער זיי זענען אַוועקגעפאָרן פון שטאָט, האָט מען געבעטן די צוויי ראַדינער תלמידים זיי זאָלן זאָגן עטליכע ווערטער פאַר די תלמידים פון די ישיבה. האָבן זיי דערציילט, אַז אין ראַדין איז געווען איינגעפירט צו מאַכן אַ 'הפסקה' פאַר תקיעת שופר, אַזוי ווי ס'איז דער מנהג אין אַלע תפוצות ישראל. אַסאַך תלמידים פון די ישיבה האָבן אויסגענוצט די צייט צו מאַכן די נויטיגע הכנות צו תקיעת שופר, אָבער עס זענען געווען בחורים וואָס זענען אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסן פון ראַדין, און אַריינגעגאַנגען אין די בתי מדרשים צו זען וויפיל אידן עס דאַווענען אין יעדע שול, ווער ס'איז דער בעל תפילה, און וואו מ'האַלט יעצט... צוריקקומענדיג אין ישיבה, האָבן זיי דערציילט פאַר די אַנדערע בחורים וואָס זיי האָבן געזען אין די אַנדערע בתי מדרשים.

איינמאָל ווען זיי זענען געשטאַנען פאַרענט פון די ישיבה און איבערגעגעבן זייער 'אנאליז', איז דער 'חפץ חיים' זי"ע אַריינגעקומען צו די תקיעות, און געהערט זייער שמועס, און ער האָט גוט פאַרשטאַנען פון וואָס מ'רעדט דאָ... אַריינקומענדיג אין שול, איז דער 'חפץ חיים' אַרויף אויף צום ארון קודש, און געזאָגט אַ משל צו אַ בן יחיד וואָס זיינע עלטערן האָבן אים געשיקט מיט מסירות נפש צו לערנען אין אַ ישיבה וואָס איז געווען וויט פון זייער שטאָט, ווייל זיי האָבן געוואָלט אַז זייער בן יחיד זאָל אויסוואַקסן גרויס אין תורה און יראת שמים.

דורך דעם שופר, ווי עס שרייבט דער הייליגער מקובל רבי שלום שרעבי זי"ע ('נהר שלום', סדר תפילות ראש השנה ותקיעת שופר) אז די צייט פון די תקיעות איז אַן 'עת רצון', צו האָבן דעמאָלס אמת'דיגע חרטה אויף אַלע עבירות פון פאַרגאַנגענעם יאָר, בכלל ובפרט, און יעדער זאָל דעמאָלס נעמען אויף זיך צו טוהן תשובה אויף אַ חטא וואָס ער ווערט נכשל דערמיט. מ'זאָל נישט פאַרפעלן תשובה צו טוהן אַפילו אויף איין עבירה, לייכטע אָדער האַרבע, ווייל מיט דעם איז מען זוכה צו זיין אַ צדיק און אַ בעל תשובה, און מ'טוט איבערוועגן דערמיט זיך און די גאַנצע וועלט לכף זכות.

**דער** 'מאירי' שרייבט (ר"ה טז:) אַז כאָטש יעדן טאָג איז ראוי פאַר דעם מענטש תשובה צו טוהן, אַזוי ווי חז"ל זאָגן (אבות פ"ב, מ"י) 'שוב יום אחד לפני מיתתך', אָבער אין ראש השנה, דאַרף דער מענטש נאָך מער נתעורר ווערן. חז"ל האָבן געזאָגט בדרך משל, דריי ספרים ווערן געעפענט אין ראש השנה, אויף די רשעים און אויף די צדיקים, און אויף די בינונים. דאָס הייסט, אַז יעדער מענטש ווערט גע'משפט לויט זיינע מעשים און דעריבער דאַרף תשובה טוהן ווי ווייט מעגליך אויף אלע עבירות.

**שרייבט** ער ווייטער, אַז דער וואָס איז זיך מתרשל פון תשובה, האָט נישט אַ חלק אין דעם

---

אין יענע צייטן, איז געווען שווער צו שטיין אין פאַרבינדונג פון איין שטאָט צו די אַנדערע, ספּעציעל אַזאַ ווייטע שטרעקע. אַזוי זענען אַריבער יאָרן וואָס די עלטערן האָבן נישט געהערט פונעם זון, און דער זון האָט נישט געהערט פון די עלטערן. אין אַ טאָג איז די מאמע פונעם בחור געוואָרן נישט געזונט ל"ע און נאָך עטליכע יאָר איז זי אַוועק פון דער וועלט רח"ל. דער טאַטע איז געווען אין אַ פאַרלעגנהייט, נישט וויסנדיג ווי אַזוי ער קען לאָזן וויסן אַזאַ 'בשורה' פאַר זייער בן-יחיד. האָט ער זיך באַראָטן מיט עטליכע פון זיינע ידידים, און זיי האָבן אים גע'עצה'ט צו שיקן פאַר זון אַ נייעם בגד, און ער זאָל אַריינלייגן אין טאַש אַ צעטל, וואו עס זאָל זיין אויפגעשריבן די ביטערע בשורה פון זיין מאמע'ס פטירה. אַזוי וועט זיין לייכטער פאַר דעם זון, ווייל זייענדיג פיל מיט פרייד מיט'ן אנצוג, וועט אַביסל 'פאַרזיסן' זיין טרויער און צער.

דער טאַטע האָט אַזוי געטוהן. ער האָט געקויפט אַ שיינעם אנצוג און עס געשיקט צו זיין זון דעם בחור אין דער ווייטער ישיבה. דער בחור האָט זיך זייער געפרייט מיט'ן אנצוג, אָבער ווען ער האָט געטראָפן דאָס צעטל מיט די ביטערע בשורה איז זיין גאַנצע פרייד געוואָרן איבערגעדרייט צו טרויער ל"ע.

דער נמשל איז, ראש השנה איז דער יום הדין, 'היום הרת עולם, היום יעמיד במשפט כל יצורי עולמים', און כדי מיר זאָלן עס נישט אָננעמען שווער האָט מען עס באַהאַלטן אין אַ יום טוב, ווי ס'איז מרומז אין פסוק 'בכסה' ליום חגינו. **מ'דאַרף אָבער וויסן, אַז דער וועג ממתיק צו זיין און מבטל זיין די גזירות וואָס ווערן אַריינגעשריבן אין די צעטלעך, איז דורך תקיעת שופר, דורך דעם 'תקעו' איז מען ממתיק אַלס וואָס עס שטייט געשריבן 'בכסה', און ממילא, איז אַ וואונדער ווי אַזוי איר וואָגט צו רעדן 'דברים בטלים' אין אַזאַ הייליגן און געהויבענעם זמן...** אדרבה, אַז מ'האָט שכל פאַרשטייט מען זיך צוצוגרייטן ווי ס'דאַרף צו זיין צו די תקיעות, און דאַן איז מען זוכה איבערצודרייען אַלעס צום גוטן, און צו פועל'ן אַ 'שנה טובה ומתוקה', אמן.

מיין זיידע, הגה"ח רבי שמעון אהרן הערשקאָוויץ זצ"ל, האָט געזאָגט אַ משל, אַ יונגער מענטש איז ליידער אַוועק פון דער וועלט רח"ל, אַ זאַך וואָס האָט אַרויסגערופן אַ רעש אין דער גאַנצער שטאָט. יעדער האָט באַווײנט דעם יונגען נפטר איבער דעם גרויסן אומגליק רח"ל וואָס האָט מיט אים פּאַסירט. צווישן דעם עולם ביי דער לוי' האָט זיך אַרומגעדרייט זיין קליין קינד, אַ יונגל, וועלכער האָט נאָך נישט געקענט באַגרייפן די גרויסע צרה וואָס האָט אים ליידער געטראָפן, וויפיל זיין טאַטע וועט אים אויספעלן זיין גאַנץ לעבן. ער האָט זיך דעריבער גענומען שפילן מיט'ן טלית מיט וועלכן זיין טאַטן'ס גוף איז געווען צוגעדעקט, און און געשלעפּט די ציצית. איז אַ איד צוגעגאַנגען צום קינד, און אים געזאָגט: 'מיין טייער קינד, ווייסטו ווער עס ליגט אונטער דעם טלית? עס איז דאָך דיין ליבער טאַטע, וואָס מער וועסטו נישט זוכה זיין אים צו זען'.

דער נמשל איז, **אָט אַזוי דאַרפן מיר נתעורר ווערן אין ראש השנה, ווייל אַלע דרייען זיך אַרום פריילעך און רואיג, אָבער קיינער ווייסט נישט וואָס עס ליגט באַהאַלטן 'אונטער דעם טלית' - 'בכסה ליום חגינו', און וואָס מ'האָט פאַרשריבן אויף יעדן איינעם ביים משפט אין דעם טאָג. אָבער מיט תפילה און תחנונים פאַר דעם באַשעפער, איז מען זוכה אַז עס זאָל ווערן צוגעדעקט 'אונטער דעם טלית', אַ גרויסע שפע מיט אַלע טובות און ברכות.**

באַשעפער, ווייל אַ גאַנץ יאָר איז די התעוררות נישט אַזוי אָנווועזנד, און אויך די מדה פון דין טוט זיך מייאש זיין פון אים און וואַרט אויף אים ביז די ימים נוראים.

**אויב** דער 'מאירי' שרייבט, אַז דער וואָס ווערט נישט נתעורר אין ראש השנה, 'אין לו חלק באלוקי ישראל', איז דאָך 'מדה טובה מרובה', אַז דער וואָס ווערט יאָ נתעורר אין די יעצטיגע טעג צו תשובה און תיקון המעשים, האָט יאָ אַ 'חלק באלוקי ישראל', און ער וועט זוכה זיין צו אַ שנה טובה ומתוקה און אַסאַך שפע, 'עד בלי די'[נד], אמן.

### עורו ישנים - 'דערהערן' דעם קול פונעם שופר

**ס'איז** באַקאַנט וואָס דער רמב"ם ז"ל שרייבט (הלכות תשובה, פ"ג, ה"ד) אַז כאָטש תקיעת שופר אין ראש השנה איז אַ גזירת הכתוב, איז אָבער דאָ אין דעם בלאָזן אַ רמז, 'עורו[נה] ישנים משנתכם'[נו] - די שלאָפעדיגע מענטשן זאָלן זיך אויפוועקן פון זייער טיפן שלאָף.

---

**נד.** דער רשב"ץ ז"ל שרייבט אין זיינע חידושים (ר"ה טז:), די תורה האָט געהייסן בלאָזן שופר פאַר'ן באַשעפער אַזוי ווי מ'בלאָזט שופר פאַר אַ קעניג און מ'רופט אויס 'יחי המלך', און די דאָזיגע תקיעה גייט ארויף פאַר דעם באַשעפער לזכרון, צו געדענקען אידישע קינדער צום גוטן, אַזוי ווי אַ קעניג וואָס לויבט זיינע קנעכט וואָס דינען אים, עכ"ל. דאָס מיינט, אַז מיט'ן בלאָזן שופר, רופן מיר אויס אַז דער אויבערשטער איז אונזער קעניג. ער האָט פון דעם אַ נחת רוח, און ער איז משפיע גוטס אויף זיינע קינדער.

אויף אַן אַנדערן אופן, שרייבן די ספרים הקדושים על דרך משל: די טאָכטער פונעם קעניג האָט פאַרלאָזט איר פאָטער'ס פּאַלאַץ, און האָט זיך פאַרבלאָנדזשעט אויפ'ן וועג, און זי האָט נישט צוריקגעפונען דעם 'דרך המלך', צו קענען צוריקקומען צו איר טאַטנ'ס פּאַלאַץ. זי האָט זיך כסדר אָנגעשטויסן אין שטיינער, און איז מערערע מאָל אומגעפאַלן, ביז אירע קעניגליכע קליידער זענען צעריסן געוואָרן, און איר גאַנצע אויסזען האָט זיך געביטן אויף אַזוי ווייט אַז מ'האָט איר שוין נישט געקענט דערקענען.

ווען זי איז ענדליך אָנגעקומען צוריק צו איר טאַטעס קעניגליכן פּאַלאַץ, האָבן די וועכטער, וועלכע האָבן איר נישט דערקענט, איר נישט געוואָלט אַריינלאָזן. האָט זי געזאָגט, 'לאָזט מיך אַריין, ווייל איך בין די טאָכטער פונעם קעניג'. האָבן די וועכטער איר געענטפערט: 'אַ גאַנצן טאָג קומען דאָ אַהער מענטשן, 'אורחי פורחי', וואָס שטעלן זיך פאַר אַלס 'קרובים' פון דער קייזערליכער פאַמיליע'...

האָט די טאָכטער אויסגעשריגן מיט אַ יאָמערליכן קול: טאַטע, טאַטע, אויך אויב דו קענסט מיך נישט דערקענען, **הער כאָטש מיין קול**, און דערקען אויב איך בין דיין טאָכטער אָדער נישט'.

דאָס זעלבע זאָגן מיר צו דעם אויבערשטען: אויך אויב מיר זענען פול מיט עבירות אַז מ'קען נישט דערקענען אויף אונז אַז מיר זענען דיינע קינדער, אָבער הער אונזער קול, וועסטו זען אַז מיר זענען דיינע קינדער, און דו ביסט אונזער טאַטע.

דאָס איז דער ענין פון דעם **קול** שופר, אַ קול וואָס גייט ארויף אין הימל מעורר רחמים צו זיין אַז מיר זענען די קינדער פון דעם אויבערשטען, און דורך דעם ווערן מיר דערמאַנט צום גוטן. דאָס איז אויך געזאָגט געוואָרן לגבי דעם **קול פון תפילה**, דער אויבערשטער הערט אידישע תפילות, און ער זאָגט 'כי קולך ערב' - דיין קול איז זיס אין מיינע אויערן כביכול.

**נה.** דער 'בית אברהם' זאָגט (ר"ה, ד"ה 'אני ישנה'), אַז מן התורה איז באמת גענוג צו בלאָזן מיט'ן שופר בלויז עטליכע קולות, ווייל אויך דורך אַ פּאָר בלאָזן ווערט דער שלאָפענדיגער מענטש אויפגעוועקט פון זיין שלאָף, אָבער צוליב דעם לאַנגען גלות וואָס די דורות זענען ליידער געוואָרן שוואַכער, האָבן חז"ל מתקן געווען צו בלאָזן הונדערט קולות, ווייל יעצט איז נישט אַזוי לייכט זיך צו ערוועקן פון דעם שלאָף פון די הבלי הזמן, און מ'דאַרף אַסאַך מעורר זיין ביז מען טוט זיך ערוועקן פונעם טיפן שלאָף.

לויט איין גירסא (געדרוקט אין 'מהדורות שבתי פרענקל', לויט'ן כתב-יד פונעם רמב"ם ז"ל) האָט דער רמב"ם געשריבן **'עורו עורו'** - צוויי מאָל. קען מען זאָגן אַ טעם פאַר דעם דאָפּלטן לשון, אַז עס קומט מרמז צו זיין אַז מיר דאַרפן זיך אויפוועקן פון דעם קול שופר, און מיר זאָלן נישט זיין אין די בחינה (וואָס שטייט ביי פרעה) 'ויישן ויחלום שנית', נאָר מיר זאָלן נתעורר ווערן צו עבודת השם, און אויך נאָך דעם ווי מיר וועלן שוין נתעורר ווערן, זאָלן מיר אייביג נאָך אַמאָל 'אויפלעבן' די התעוררות.

'ונרדמים הקיצו מתרדמתכם' - און די דרימלענדיגע נאָכקוקן אייערע מעשים און תשובה טוהן, און איר מענטשן זאָלן זיך אויפוועקן פון זייער דרימל. איר זאָלט זאָלט געדענקען דעם באַשעפער, דאָס מיינט מען די

## מן הבאר

די גמרא זאָגט (ר"ה לג:) אַז מ'לערנט אַרויס דעם אופן ווי אַזוי מ'דאַרף בלאזן 'תרועה' אין ראש השנה, פון די מאמע פון סיסרא, וואָס דער פסוק זאָגט (שופטים כח, ל) 'בעד החלון נשקפה ותיבב אם סיסרה בעד האשנב, מדוע בושש רכבו לבוא, מדוע אחרו פעמי מרכבותיו'. זאָגט דאָרט תוספות (ד"ה 'שיעור'), אַז צוליב דעם בלאָזט מען הונדערט קולות, אנטקעגן די הונדערט קרעכצן פון סיסרא'ס מאמע.

זאָגן די ספרים אַ כוונה אין דעם, ווייל די מאמע פון סיסרא האָט דאָך געוואוסט אַז איר זון זיגט אייביג אין אַלע זיינע מלחמות, אָבער יעצט אַז זי האָט געזען אַז ער פאַרזוימט זיך צוריקצוקומען, האָט זי מורא געהאַט אפשר איז דאָס מאל אַנדערש, און דער שלאַכט אין דער מלחמה שטויסט זיך אָן אין פאַרשידענע שוועריגקייטן. און אין איר גרויסן פחד האָט זי אנגעהויבן וויינען און אַרויסקרעכצן הונדערט קרעכצן.

דאָס זעלבע דאַרפן מיר געדענקען ראש השנה, מעורר צו זיין אונזערע הערצער דורך די הונדערט קולות, ווייל אויך אויב ביז יעצט האָבן מיר זוכה געווען צו אַ רואיג לעבן, און מיר געפינען זיך נאָך אויף דער וועלט, פונדעסטוועגן, ווער ווייסט אויב אויך דאָס מאל וועלן מיר אַריבערגיין דעם משפט בשלום ובשלוה? און אויף דעם וויינט מען, כדי נתעורר צו ווערן תשובה צו טוהן צום באַשעפער און אויס'פּועל'ן אַ גוט זיס יאָר.

מ'דערציילט, איינער האָט געבעטן זיין חבר אַז ער זאָל אים אויפוועקן מאָרגן אינדערפרי. איז דער חבר געקומען אין די באַשטימע צייט אים אויפצואוועקן, אָבער ער איז געשלאָפן אַ טיפן שלאָף, אַזוי אַז אויך נאָכן אים 'שטופּן' האָט ער זיך נישט ערוועקן. האָט ער געגאָסן וואַסער אויף זיין שלאָפנדיגן חבר, אָבער 'אין קול ואין עונה'... האָט דער 'וועקער' אויפגעגעבן אויף די מעגליכקייט אים צו ערוועקן, און איז זיך געגאַנגען זיין וועג. שפּעטער אין טאָג, האָט ער געטראָפן דעם וועקער און געהאַט טענות צו אים, פאַרוואָס ער האָט אים נישט אויפגעוועקט, אַזוי ווי מ'האָט אָפּגעשמועסט אַ נאַכט פריער... האָט יענער געזאָגט, איך האָב דאָך פּרובירט דיך צו וועקן, און כ'האָב דיך אַפילו באַגאָסן מיט וואַסער, אָבער דו האָסט נישט געוואָלט אויפשטיין. האָט דער 'פעפער' געזאָגט:

- יאָ, איך געדענק טאַקע אַז איך האָב געזען אין חלום ווי עמיצער גיסט אויף מיר וואַסער אינמיטן שלאָף...

לענינינו, קען מען לערנען פון די 'מעשה', אַז ס'איז שייך אַמאָל זיך צו ערוועקן 'אין' דעם חלום, און דאָס קומט דער רמב"ם ז"ל אונז דערמאַנען, אַז דער מענטש דאַרף נתעורר ווערן בפועל ממש, און צו וויסן אַז אַלעס הענגט אויף דעם וואָגשאָל. מ'קען לייכט איבערוועגן דעם וואָגשאָל אַרויסצוגיין זכאי ביים משפט, אויב מ'כאַפּט זיך אויף פון טיפן שלאָף און מ'ווערט נתעורר צו תשובה דורכ'ן קול שופר.

**נו.** עס ווערט געברענגט אַ משל, אין אַ הויז האָט אויסגעבראָכן אַ שריפה רח"ל, בשעת ס'איז דאָרט געשלאָפן רואיג איינער פון די בני בית. זענען געקומען עטליכע 'חכמים' וואָס האָבן געוואָלט 'ראַטעווען' דעם שלאָפענדיגן מענטש פונעם פייער, און האָבן אָנגעהויבן מעסטן די פענצטער ווי גרויס זיי זענען, און אויך די מאָס פונעם בעטן אויף וועלכן ער איז געשלאָפן, צו זען אויב מ'קען אים אַרויסטראָגן שלאָפנדיג אויפ'ן בעט, כדי צו ראַטעווען זיין לעבן... האָט איינער זיי אָנגעשריגן: 'שוטים, בטלנים, ביז איר וועט ענדיגן מעסטן די פענצטער און דעם בעט, וועט דאָך דער מענטש פאַרברענט ווערן חלילה צוזאַמען מיט'ן בעט... **וועקט אים אויף... וועקט אים אויף...** און זאָל ער אַנטלויפן זיך צו ראַטעווען דאָס לעבן'.

דער נמשל איז, מיר אידן דאַרפן אויפהערן 'מעסטן' אַהין און אַהער, נאָר זיך ערוועקן אין דעם פאַרכטיגן טאָג, און נעמען אויף זיך צו גיין אויפ'ן 'דרך המלך' פונעם באַשעפער, 'מלכו של עולם'.

דער פּאָניעוועזשער רב, הגאון רבי יוסף שלמה כהנמאַן זצ"ל, האָט אַמאָל געפרעגט די תלמידים פון זיין ישיבה, וואָס מ'טוט מיט אַ מענטש וואָס שלאָפט, און ער זעט אין זיין חלום אַ גרויסן לייב וואָס וויל אים איינשלינגען לעבעדיגערהייט רח"ל. האָט ער זיך צעשריגן אין חלום: ראַטעוועט מיך פון דעם שרעקעדיגן לייב. נו, ווי אַזוי ראַטעוועט מען אַזאַ איינעם? 'הוא מותיב לה, והוא מפרק לה' - דער פּאָניעוועזשער רב האָט אַליין פאַרענטפערט

וואָס פאַרגעסן דעם אמת צוליב די הבלי הזמן, און זיי פאַרברענגען אַלע זייערע יאָרן מיט נאַרישקייטן וואָס העלפן נישט און ראַטעווען נישט. קוקט אַריין אין אייערע נשמות, און פאַרבעסערט אייערע וועגן[נ״ז]. יעדער איינער פון אייך זאָל איבערלאָזן זיין שלעכטן וועג[נ״ח] און זיין מחשבה וואָס איז נישט גוט.

---

זיין קשיא': **וואָס הייסט וואָס מ'טוט? מ'וועקט אים אויף... מ'וועקט אים אויף...** און אַזוי וועט ער מער נישט דאַרפן מורא האָבן אַז ער וועט פאַרציקט ווערן דורך דעם לייב.

דער מוסר השכל איז, אַז דורכ'ן יאָר שלאָפט דער מענטש צומאָל אַ שטאַרקן שלאָף, און ער דרייט זיך אַרום מיט דמיונות וואָס דער יצר הרע טוט אים איינרעדן, און צוליב דעם בלאָזן מיר שופר צו זיך ערוועקן פון טיפן שלאָף, און זיך אויפכאַפּן פון אַלע 'חלומות', אַז מ'זאָל זען אַז 'לא דובים ולא יער' - דער יצר הרע מיט אַלע זיינע תאוות, איז נישט מער ווי אַ בלויזער 'חלום' און דמיון.

מיר זעען טאַקע, אַז איבעראל וואו עס ווערט גערעדט אין שולחן ערוך און אין די פוסקים וועגן זאָגן 'סליחות', שטייט דאָס לשון, אַז מ'דאַרף 'אויפשטיין' צו סליחות, און דער רבינו יונה ז"ל שרייבט (שערי תשובה, שער א, פ"ג) אַז **מ'געפינט נישט דאָס פאַרשפּעטיגן תשובה צו טוהן, נאָר ביי די עמי הארץ וואָס שלאָפן**, ווייל דאָס איז דער ערשטע זאַך צו תשובה, זיך צו ערוועקן פון טיפן שלאָף וואָס קומט פון די הבלי הזמן, און מ'זאָל נעמען אויף זיך אָנצוהייבן דינען דעם אויבערשטען.

**נז.** הרה"ק רבי שמחה בונם פון פשיסחא זי"ע האָט דערציילט, אַז ווען דער גאון רבי אלעזר רוקח זי"ע, דער 'מעשה רוקח', איז געפאַרן מיט אַ שיף קיין ארץ ישראל, האָט אויסגעבראָכן אַ שטאַרקער שטורעם אויפ'ן ים, און די שיף האָט זיך זייער שטאַרק געטרייסלט, אַז ס'איז געווען אַ סכנה אַז די שיף מיט אַלע פּאַסאַזשירן וועלן דערטרינקען ווערן רח"ל. וויבאַלד מ'האָט דערקענט אויפ'ן 'מעשה רוקח' אַז ער איז אַ גרויסער מענטש, זענען די מענטשן אויף די שיף צוגעקומען צו אים און געבעטן ער זאָל מתפלל זיין פאַר אַ ישועה.

וויבאַלד ס'איז דעמאָלס געווען ראש השנה ביינאַכט, האָט דער 'מעשה רוקח' געבעטן פון זיי מ'זאָל אים געבן אַ שופר, כדי ער זאָל קענען מקיים זיין די מצוות היום ביים עלות השחר, און מ'האָט אים טאַקע געברענגט דעם שופר. אַזוי ווי דער זון האָט אויפגעשיינט, האָט ער געבלאָזן 'תקיעה, שברים, תרועה', און אויך די אַנדערע קולות וואָס מ'בלאָזט, און ביז אַ קורצע צייט, האָט דער שטורעם-ווינט זיך באַרואיגט, און די שיף איז געראַטעוועט געוואָרן און אָנגעקומען בשלום קיין ארץ ישראל.

ווען דער רבי ר' בונם זי"ע האָט דערציילט די מעשה, האָט ער געזאָגט צום עולם, אַז דער 'מעשה רוקח' האָט נישט געמיינט צו בלאָזן שופר אַלס אַ **סגולה** איינצושטילן די שטאַרקע ווינטן אויפ'ן ים, נאָר ווען ער האָט געזען אַז 'כלו כל הקיצין', און אַז ביז אַ קורצע צייט וועט די שיף זיך דערטרינקען ח"ו, האָט ער געוואָלט **אַריינכאַפּן** מקיים צו זיין נאָך אַ מצוה איידער ער וועט פאַרלאָזן די וועלט. נאָר ווען דער אויבערשטער האָט געזען זיין גרויסע ליבשאַפט צו יעדע מצוה, אַז אויך ווען עס הערשט אַ סכנה ח"ו פאַרגעסט ער פון זיין אייגענעם צער און וויל מקיים זיין דעם אויבערשטען'ס מצוה, האָט ער מיט דעם מעורר געווען רחמים אין הימל אויף זיך און אויף אַלע רייזנדע אויף די שיף, און זיי זענען געראַטעוועט געוואָרן פון אַ מיתה משונה ה' ירחם.

[לויט די ווערטער פון רבי'ן ר' בונם, קען מען פאַרשטיין פאַרוואָס דער 'מעשה רוקח' האָט געטוהן אַנדערש ווי ס'איז די הלכה, און געבלאָזן שופר נישט לויט'ן סדר פון די ברכות וואָס מ'בלאָזט דאָך ביים זאָגן 'מלכיות, זכרונות, שופרות'. אָבער לויט די דערמאָנטע ווערטער איז פאַרענטפערט, וויבאַלד עס האָט אים אויסגעזען אַז אָט אָט וועט די שיף זיך ח"ו דערטרינקען און אויב ער וועט ווען קודם דאַווענען, וועט ער נישט אָניאָגן צו בלאָזן שופר, און אויף אַזאַ אופן, איז אַוודאי מצוה פון תקיעת שופר פריער, ווי די גמרא זאָגט (ר"ה לד:) אַז צוויי שטעט, אין איינע בלאָזט מען, און אין די צווייטע ווייסט מען נאָר צו מאַכן די ברכה, זאָל מען גיין צו די שטאָט וואו מ'בלאָזט, און נישט צו די שטאָט וואו מ'מאַכט נאָר די ברכות].

**נח.** מורא'דיגע ווערטער שרייבט דער הייליגער בעל 'אור המאיר' זי"ע (לר"ה, ד"ה 'או יאמר היתקע'), לכאורה איז שווער, אויב דער ציל פון תקיעת שופר איז מעורר צו זיין אידן צו תשובה, פאַרוואָס האָט מען פאַר דעם געדאַרפט

**דאָס** הייסט, אַז דורך דעם קול שופר דאַרף מען נתעורר ווערן און תשובה טוהן[נט], און זיך מכניע זיין צו טוהן דעם רצון פון באַשעפער און אים צו דינען מיט'ן גאַנצן האַרץ.

די גמרא זאגט אין מסכת' ר"ה (טז.) אַז מ'בלאָזט זיצענדיג, און דערנאָך בלאָזט מען שטייענדיג, כדי צו צעטומלען דעם שטן. שרייבט דער ר"ן (ר"ה ג. מדפי הרי"ף, ד"ה 'למה'), אַז 'כדי לערבב השטן' מיינט, מכניע האָבן אַ 'שופר' צו בלאָזן דערמיט. מ'האָט דאָך געקענט מאַכן אַ תקנה אַז אין יעדע שטאָט וואו עס וואוינען אידן, זאָלן דער רב אָדער מגיד זאָגן אַ 'דרשת התעוררות', און מעורר זיין דעם ציבור צו תשובה.

ענטפערט דער 'אור המאיר' מיט אַ משל, אַ שטאָט וואו עס וואוינען מענטשן פון פאַרשידנאַרטיגע סאָרטן, אָרימעלייט און רייכע מענטשן. מ'האָט אַוועקגעשטעלט ביים טויער פון שטאָט אַ וועכטער, צו היטן פון גנבים און אַנדערע פאַרברעכער. ווען דער וועכטער באַמערקט אַ באַנדע גנבים וואָס דערנעענטערן זיך צו די שטאָט, וועט ער דאָך אַוודאי שרייען 'גנבים!... גנבים!...' ווער וועט קומען צו לויפן כדי צו העלפן דעם וועכטער פאַרטרייבן די גנבים? אַוודאי וועלן קומען צו לויפן נאָר די רייכע, ווייל זיי האָבן דאָך מורא פאַר זייער פאַרמעגן. די אָרימעלייט, וועלן אַוודאי בלייבן אינדערהיים, ווייל וואָס אַרט זיי אויב אַ גנב וועט אַריינקומען צו זיי אין הויז. ער וועט דאָך דאָרט גאָרנישט האָבן וואָס צו נעמען... אָבער אויב דער וועכטער וועט אויסשרייען אַז עס ברענט אַ פייער אין שטאָט ח"ו, דאָס שטעטל ברענט און יעדער וואָס וויל זיך ראַטעווען דאָס לעבן דאַרף זאָפאָרט אַנטלויפן פון שטאָט, וועלן דאָך אַלע אַנטלויפן פון שטאָט, כדי צו ראַטעווען זייער לעבן.

דער נמשל איז, אויב דער רב אָדער דער מגיד וואָלט געהאַלטן אַ דרשה פאַר'ן ציבור אַז מ'זאָל זיך שטאַרקן אין דעם ענין פון תפילה, וועלן טייל אידן זאָגן, אַז זיי דאַווענען ווי אַ איד דאַרף צו דאַווענען, און ממילא, מיינט מען נישט זיי מיט די דברי התעוררות... ווידער, אויב מ'וועט מעורר זיין דעם עולם זיך צו שטאַרקן אין לימוד התורה, מאַכן אַ 'קביעות עתים לתורה', א.ד.ג., וואָלטן דאָך די תלמידי חכמים זיך אָפּגעשאָקלט פון זיינע ווערטער, און געזאָגט אַז זיי זיצן ב"ה און לערנען אַ גאַנץ יאָר, און אויב ער וועט זיי זאָגן מוסר רייד טוהן חסד, וואָלטן די עסקנים געזאָגט רואיג, אַז נישט זיי מיינט מען דאָ, ווייל זיי זענען דאָך פאַרנומען מיט עסקנות פאַר אידן אַ גאַנץ יאָר. צוליב דעם, האָט די תורה געהייסן בלאָזן שופר אין ראש השנה, **ווייל דער שופר איז מעורר יעדן איינעם צו תשובה אין יעדן מצב וואָס ער איז.** 'לב יודע מרת נפשו' - **יעדער איינער ווייסט דאָך זייער גוט וואָס ער דאַרף פאַררעכטן,** ווי יענער וועכטער וואָס שרייט 'פייער... פייער', וואָס איז גורם פאַר אַלע שטאָט-לייט צו אַנטלויפן פון שטאָט.

**נט.** דער גאון בעל 'חתם סופר' זי"ע שרייבט ('דרשות חתם סופר', שסט:), אַז די ראשי תיבות פון **ב**'חצוצרות **ו**'קול **ש**'ופר **ה**'ריעו (תהלים צח, ו) איז בוש"ה, ווייל **דער עיקר איז זיך צו שעמען מיט די מעשים תעתועים מיט וועלכע מ'האָט אָנגעברענגט דעם גאַנצן פאַרלאָפענעם יאָר.**

אַן אַנדערן רמז זאָגט דער 'נתיבות שלום' (ח"ב, ע' קלא) אַז 'שופר' מיט די אותיות באַטרעפט 590, אַזוי ווי די צוויי ווערטער 'שברון לב', ווייל **דאָס איז דער ענין פון תקיעת שופר: צו ברענגען דעם מענטש צו האָבן אַ צובראָכן האַרץ פאַר דעם אויבערשטען.**

החסיד המפואר רבי וועלוול אייזנבאַך זצ"ל האָט דערציילט, אַז ער האָט געהערט פון איינעם פון די זקני ירושלים, אַז ער האָט געהערט פון זיין זיידן דער בעל המעשה, אַז אַלס קינד, איז ער איין יאָר געפאָרן מיט זיין טאַטן אויף ראש השנה צו הרה"ק רבי אהרן טשערנאָבילער זי"ע. צוליב דעם גרויסן ציבור וואָס איז געקומען אויף יום טוב, איז געווען אַ גרויסער געדרענג און מ'האָט געמוזט צולייגן נאָך פלעצער צו שטיין ביים דאַווענען. האָט מען פאַר דעם צוועק געמאַכט אַ גרויסן לאָך אינעם דאַך פון די שול, און דאָרט זענען געשטאַנען אַסאַך חסידים און געקוקט אויפ'ן רבי'ן, רבי אהרן טשערנאָבילער, צו זען זיין הייליגע עבודה אין דעם גרויסן טאָג.

ס'איז אָבער נאָך אַלץ געווען אַ גרויסע ענגשאַפט אין שול, און צוליב די גרויסע שטופעניש וואָס איז געווען פאַר די תקיעות, האָט דער בעל העובדא (דער זקן וואָס האָט עס דערציילט פאַר רבי וועלוול אייזנבאַך ז"ל) גע'חלש'ט. מ'האָט אים דערמונטערט און אַוועקגעזעצט נעבן די בימה, וואו עס איז געווען אַביסל מער לופטיג (צוליב דעם לאָך אינעם דאַך וואָס מ'האָט געמאַכט), און דאָרט איז געשטאַנען דער רבי.

וויבאַלד דאָס קינד איז געשטאַנען נאָנט צו הרה"ק רבי אהרן טשערנאָבילער, האָט ער געקענט הערן די הייליגע ווערטער וואָס דער רבי האָט געזאָגט פאַר'ן עולם איידער מ'איז געגאַנגען בלאָזן שופר. ער האָט געזאָגט: 'תקיעה'

איז אַ גלאַטער קול וואָס קומט אַרויס פונעם שופר, און דאָס ווייזט אויף גאווה. 'תרועה', ווידער, ווייזט אויף צובראָכנקייט, ווען דער מענטש האַלט זיך קליין. און דאָס איז מרומז אין פסוק (תהלים מז, ו) **'עלה אלוקים'**. כדי אָפּצוטוהן די מדת הדין וואָס איז מרומז אין דעם שם 'אלוקים', דאַרף מען מקיים זיין **'בתרועה'** - מ'זאָל האָבן אַ צובראָכן האַרץ. **ה'** - דער שם הוי' וואָס איז מרמז אויף מדת הרחמים, ווערט חלילה אָפּגעטוהן ווען עס איז **'בקול שופר'** - דער קול פון 'תקיעה', וואָס מיינט אַז פאַר דעם מענטש דאַכט זיך אַז ער איז 'גלאַטיג', אָן אַ פגם, רח"ל.

ווען דער עולם האָט געהערט די הייליגע ווערטער פונעם רבי'ן, האָבן אַלע אויסגעבראָכן אין אַ געוויין. דער זקן האָט עדות געזאָגט, אַז פון דאַך האָבן ממש גערונען 'טייכן טרערן', וואָס האָבן נאַס געמאַכט זיינע בגדים פון קאָפּ ביז פיס.

הרה"ק בעל 'נתיבות שלום' זי"ע, האָט אַמאָל געשמועסט מיט דעם אַלטן באַקאַנטן חסיד רבי ישראל שמעון קאַסטעלאַניץ זצ"ל, און נאָך איינעם פון די חשוב'ע חסידים אין סלאָנים, און אַלע האָבן אַרויסגעהויבן מיט בענקשאַפט ווי אַזוי עס האָט אויסגעזען ראש השנה אין באַראַנאָוויטש, ביים סלאָנימער רבי'ן הרה"ק בעל 'בית אברהם' זי"ע. זיי האָבן אַריינגעטראַכט, ווי אַזוי מ'קען איבערגעבן פאַר'ן יונגן דור די מורא'דיגע מראה וואָס מ'האָט געזען דאָרט, ביי דעם 'בית אברהם' (מ'דערציילט, אַז דער גאון רבי אלחנן וואַסערמאַן זצ"ל הי"ד, וועלכער האָט געהאַט זיין ישיבה אין באַראַנאָוויטש, פלעגט שטיין הינטער די טיר פון דעם בית המדרש פונעם 'בית אברהם' ווען מ'האָט דאָרט געדאַווענט מוסף אין די ימים נוראים, כדי צו הערן דאָס קול פון די תפילות וואָס מ'האָט דאָרט געדאַווענט פון טיפן האַרצן). **באזונדער האָט מען געזען די התעוררות ביים זאָגן דאָס שטיקל פון זוהר הקדוש וואָס איז געדרוקט אין מחזור פאַר די תקיעות. דער רבי האָט עס געזאָגט בדמעות שליש לאַנגע שעה'ן, אַרויסזאָגנדיג די ווערטער במתינות, פּאַמעליך, ווי איינער וואָס ציילט געלט.** ספּעציעל האָט דער 'בית אברהם' זיך צעוויינט ווען ער האָט זיך אויפגעשטעלט צו זאָגן די ווערטער וואָס דער זוהר שרייבט, אַז דער בעל הכרוז שטייט און רופט אויס, יענער האָט געטוהן אַזוי און אַזוי, ווער וויל מלמד-זכות זיין אויף אים, אויב ס'איז דאָ איינער וואָס קען זאָגן גוטס פאַר אים, איז גוט, און אויב נישט, ווערט ער חלילה איבערגעגעבן צו דעם מלאך וואָס איז ממונה אים צו באַשטראָפן ח"ו. בעת מעשה, האָט דער 'בית אברהם' זיך מתוודה געווען פון טיפן האַרצן אויף די נדנודי חטא, וואָס דער אויבערשטער איז מדקדק מיט די צדיקים 'כחוט השערה'.

די גמרא זאָגט (יומא פה:) אַז רבינו הקדוש האַלט, 'עיצומו של יום מכפר' - יום כיפור איז מכפר אויף אַלע עבירות וואָס האָט געטוהן, אויך אויב מ'האָט נישט תשובה געטוהן.

כדי צו ערקלערן די שיטה פון רבי, האָט הרה"ק רבי העניך מ'אלכסנדר זי"ע דערציילט, אַז ווען ער איז געווען אַ יונגל פון זעקס יאָר, האָט ער געלערנט ביי אַ מלמד וואָס איז געווען גאָר אַ געהויבענער איד. אין אַ טאָג איז דער מלמד געוואָרן זייער נישט געזונט ל"ע, און האָט שוין געהאַלטן ביי גסיסה רח"ל. זענען די חברה קדישא געקומען און געזאָגט (ווי ס'איז זייער שטייגער) פאַר דעם מלמד ער זאָל תשובה טוהן און זאָגן ווידוי. האָט דער מלמד געזאָגט: **קיין תשובה איז אויך אַ תשובה'**. דאָס הייסט, אויב דער מענטש אנערקענט זיין נידעריגן מצב אין רוחניות, און ער ווייסט אַז ער אַליין פאַרמאָגט נישט קיין שום מעשים טובים, ווייסט ער דאָך אַז אין זיין מצב קען ער נישט טוהן תשובה ריכטיג, און **די עצם ידיעה איז די גרעסטע מדריגה פון תשובה.**

דאָס איז די כוונה פון רבינו הקדוש, אַז יום כיפור איז מכפר אויף די עבירות אויך ווען מ'טוט נישט תשובה, דאָס הייסט, די מענטשן וואָס ווייסן ביי זיך אַז זיי האָבן גאָרנישט, זיי זענען זוכה צו אַ כפרה און מחילה.

אַמאָל ראש השנה, ווען הרה"ק רבי יחיאל פון מוש זי"ע איז שוין געשטאַנען גרייט אויף די בימה צו בלאָזן שופר, האָט ער נישט געוואָלט אָנהייבן בלאָזן, אָנווייזנדיג פאַר די וואָס זענען געשטאַנען נעבן אים, אַז אינדרויסן פון ביהמ"ד שטייט אַ 'דבר אחר' און עסט אויף די פירות אויפ'ן פעלד פון אַ אידישן אייגנטימער, און ער קען נישט בלאָזן **ביז מ'וועט נישט פאַרטרייבן דעם 'דבר אחר' פון דאָרט.** צוויי יונגעלייט זענען טאַקע אַרויסגעגאַנגען און פאַרטריבן דעם חזיר פון דאָרט, און דאַן האָט רבי יחיאל מוש'ער געבלאָזן די תקיעות.

יאָרן שפּעטער, ווען הרה"ק בעל 'בית אברהם' מ'סלאָנים זי"ע האָט דערציילט די מעשה, האָט ער זיך אָנגערופן: **'אַזאַ מעשה פונעם מוש'ער האָב איך נאָך נישט געהערט'**. האָבן די חסידים שפּעטער געזאָגט, אַז דער רבי איז מסתמא נתפעל געוואָרן בעיקר פון די מדת החסד וואָס דער מוש'ער האָט פאַרמאָגט, אַז אויך אין אַזאַ געהויבענע צייט פאַר תקיעת שופר, האָט ער זיך געזאָרגט פאַר'ן פעלד פון אַ איד. [ענליך ווי עס ווערט דערציילט וועגן הרה"ק רבי דוד'ל לעלובער זי"ע, אַז אַמאָל פאַר 'כל נדרי' יום כיפור פאַרנאַכטס, האָט מען אים געזען שטיין און שאָקלען אַ קליין קינד אין בעטל וואָס זיין מאמע האָט אים איבערגעלאָזט און זי איז געגאַנגען אין שול צו 'כל נדרי', ווייל דאָס איז דער גאַנצער מהות פון די צדיקים, אַז אויך אין די העכסטע זמנים געדענקען זיי צו טוהן חסד אַ צווייטן איד].

צו זיין דעם יצר הרע, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (עמוס ג, ו) 'אם יתקע שופר בעיר והעם לא יחרדו'.

**זעען** מיר פון די ווערטער פונעם ר"ן ז"ל, אַז דער ענין פון תקיעת שופר איז צו פאַרטרייבן דעם יצר הרע, 'שאור שבעיסה', וואָס ער פּרובירט איבעררעדן אידישע קינדער אַ גאַנצע יאָר צו טוהן עבירות ח"ו.

**אַזוי** שרייבט אויך דער 'ספר החינוך' (מצוה שיא) אַז דאָס איז דער ענין פון 'זכרון תרועה' וואָס ווערט דערמאָנט ביי תקיעת שופר, ווייל 'תרועה' איז אַ צובראָכן קול, אַ רמז אַז יעדער איינער דאַרף צעברעכן זיין שטאַרקן יצר הרע, און תשובה טוהן אויף זיינע שלעכטע מעשים[ס].

**די** צייט איז גאָר שטאַרק מסוגל אַז די תשובה זאָל ווערן אָנגענומען אין הימל, ווי עס שרייבט דער 'פלא יועץ' (ערך ראש השנה) אין נאָמען פון דעם מקובל רבי שלום שרעבי זי"ע ('נהר שלום', סדר תפילות ראש השנה ותקיעת שופר), אַז די התעוררות פון תשובה אין ראש השנה העלפט פיל מער אַנטקעגן אַ גרויסע באַמיאונג פון תשובה אין אַן אַנדערן זמן[סא].

---

דער 'בית אברהם' האָט אָבער געזאָגט צו די חסידים: 'פאַרוואָס פאַרשטייט איר נישט דעם טיפן באַדייט פון די מעשה? **די גאַנצע כוונה פון תקיעת שופר איז דאָך אויסצורייסן דעם 'דבר אחר' פון אידישע הערצער, מ'זאָל נישט האָבן מער קיין שייכות מיט די כוחות פון שלעכטס.**

**ס.** דער פסוק זאָגט וועגן ראש השנה (תהלים פא, ד) 'תקעו בחודש שופר בכסה ליום חגינו'. ער זאָגט '**בכסה**', פון לשון 'כיסוי' - צודעקן. האָט מיין זיידע, הגה"ח רבי שמעון אהרן הערשקאָוויץ זצ"ל, געזאָגט דערויף אַ משל, אַ יונגער מענטש איז ליידער אַוועק פון דער וועלט רח"ל, אַ זאַך וואָס האָט אַרויסגערופן אַ רעש אין דער גאַנצער שטאָט. יעדער האָט באַוויינט דעם יונגען נפטר איבער דעם גרויסן אומגליק רח"ל וואָס האָט מיט אים פּאַסירט. צווישן דעם עולם ביי דער לוי' האָט זיך אַרומגעדרייט זיין קליין קינד, אַ יונגל, וועלכער האָט נאָך נישט געקענט באַגרייפן די גרויסע צרה וואָס האָט אים ליידער געטראָפן, וויפיל זיין טאַטע וועט אים אויספעלן זיין גאַנץ לעבן. ער האָט זיך דעריבער גענומען שפילן מיט'ן טלית מיט וועלכן זיין טאַטן'ס גוף איז געווען צוגעדעקט, און און געשלעפּט די ציצית. איז אַ איד צוגעגאַנגען צום קינד, און אים געזאָגט: 'מיין טייער קינד, ווייסטו ווער עס ליגט אונטער דעם טלית? עס איז דאָך דיין ליבער טאַטע, וואָס מער וועסטו נישט זוכה זיין אים צו זען'.

דער נמשל איז, **אָט אַזוי דאַרפן מיר נתעורר ווערן אין ראש השנה, ווייל אַלע דרייען זיך אַרום פרייליך און רואיג, אָבער קיינער ווייסט נישט וואָס עס ליגט באַהאַלטן 'אונטער דעם טלית' - 'בכסה ליום חגינו', און וואָס מ'האָט פאַרשריבן אויף יעדן איינעם ביים משפט אין דעם טאָג. אָבער מיט תפילה און תחנונים פאַר דעם באַשעפער, איז מען זוכה אַז עס זאָל ווערן צוגעדעקט 'אונטער דעם טלית', אַ גרויסע שפע מיט אַלע טובות און ברכות.**

### מן הבאר

די גמרא (ר"ה לג:) לערנט אַרויס אַסאַך הלכות פון תקיעת שופר אין ראש השנה, פון די תקיעות פון יובל, דאַרף מען פאַרשטיין. אין יובל האָט דאָך בית דין געבלאָזן **איין תקיעה אין פופציג יאָר**, און אין סך-הכל, איז אויסגעקומען אַז אין משך פון אַלע יאָרן וואָס כלל ישראל האָט עקזיסטירט, איז נישט געווען מער ווי **17** יובלות. אויב אַזוי, פאַרוואָס האָט מען אַרויסגעלערנט פון יובל אויף ראש השנה, וואָס איז שוין איינגעפירט טויזנטער יאָרן, און מ'האָט שוין געבלאָזן, און מ'וועט נאָך אי"ה בלאָזן, צענדליגער טויזנטער תקיעות? לכאורה, וואָלט מען ענדערש געדאַרפט אַרויסלערנען די תקיעות פון יובל פון ראש השנה...

קען מען זאָגן, אַז די כוונה דערפון איז, אַז עס קומט אונז צו לערנען אַז פונקט אַזוי ווי ביי יובל, זענען טויזנטער קנעכט אַרויסגעגאַנגען פריי דורך בלויז איין תקיעה, און מיט דער דאָזיגער איינצעלנער תקיעה זענען טויזנטער פעלדער צוריקגעגאַנגען צו זייערע אייגנטימער - **אַלעס מיט'ן כח פון איין תקיעה.** קענען מיר פון דעם לערנען פאַר אונז, אַז **אין וועלכן מצב מיר זאָלן זיך נאָר נישט געפינען, קענען מיר מיט איין תקיעה אַרויסגיין פריי פונעם יצר הרע, און ווערן אַ נייער מענטש!**

---

**סא. באמת, קען מען אין די מינוטן פאַר תקיעת שופר, תשובה טוהן אויך אויף די האַרבסטע עבירות,** ווי דער 'צמח צדק' שרייבט (ליקוטים, אות ג'), אַז ביי שופר זאָגט דער פסוק (תהלים פא, ד) '**תקעו** בחודש שופר', און ביי יעקב

## יעלה זכרונם לפני לטובה - אַן עת רצון צו געהאָלפן ווערן מיט אַלע ענינים

**חז"ל זאָגן** (ויק"ר פכ"ט, ג) אַז ווען די אידן נעמען אין די הענט זייערע שופרות און בלאָזן פאַר דעם אויבערשטען, טוט דער אויבערשטער אויפשטיין פון דעם כסא הדין, און ער זעצט זיך אַוועק אויפ'ן כסא רחמים[סב], און די גמרא זאָגט, אַז דורך דעם שופר ווערן אידישע קינדער געדענקט צום גוטן פאַר דעם אויבערשטען.

**האָבן** צדיקים געזאָגט ('שם משמואל', שנת תרע"ט, אין נאָמען פון זיין טאַטן, הרה"ק בעל 'אבני נזר' זי"ע און אַזוי האָט אויך געזאָגט דער בעל התניא זי"ע), ווייל עס שטייט אין ירושלמי (ר"ה פ"א ה"ג) אַז דער אויבערשטער כביכול איז מקיים

---

אבינו ע"ה זאָגט דער פסוק (בראשית לב, כו) **'ותקע** כף ירך יעקב'. דאָס וואָרט 'תקעו' האָט די זעלבע אותיות ווי דאָס וואָרט 'ותקע', אַ רמז אַז **ווען מ'בלאָזט שופר קען דער מענטש מתקן זיין אויך די האַרבסטע עבירות וואָס ער האָט פוגם געווען** (מיט זיין 'ירך'), דאָס הייסט, 'אביזרייהו דגילוי עריות'.

דער מקובל רבי שלום שרעבי זי"ע זאָגט נאָך מער (געברענגט אין ספר 'פלא יועץ', דאָרט), אַז אַפילו איינער וואָס האָט ליידער גורם געווען פאַר אַסאַך מענטשן צו זינדיגן, קען אויך האָבן אַ כפרה ווען ער טוט תשובה בשעת די תקיעות, **און אויך קען מען דעמאָלס האָבן אַ תיקון אויף אַלע 'פגמים' וואָס עס שטייט וועגן זיי אין זוהר הקדוש אַז עס העלפט נישט חלילה קיין תשובה. אַלעס קען מען דעמאָלס פאַררעכטן.**

אויך האָבן די בעלזער צדיקים זי"ע נאָכגעזאָגט פון די מקובלים, אַז **ביי תקיעת שופר קען דער מענטש האָבן אַ כפרה אַפילו אויף די עבירה פון חילול השם**, און כאָטש די גמרא זאָגט (יומא פו.) אַז אויף דעם חטא פון חילול השם העלפט נישט קיין תשובה און יום כיפור איז נישט מכפר, און יסורים טוהען עס נישט זיס מאַכן, נאָר 'כולן תולין ומיתה ממרקת', נאָר ביים שטאַרבן ווערט דער חטא נמחל. פונדעסטוועגן, וויבאַלד רבי אבהו זאָגט אין די גמרא (ר"ה טז.) אַז מ'בלאָזט מיט אַ שופר פון אַ ווידער, כדי דער אויבערשטער זאָל געדענקען פאַר די אידן דעם זכות פון עקידת יצחק בן אברהם, און **דאַן ווערט עס זיי גערעכנט גלייך ווי זיי וואָלטן זיך אַליין מקריב געווען פאַר דעם אויבערשטען**. קומט אויס, אַז ביי תקיעת שופר איז דאָ דער ענין פון מסירות נפש, און ממילא קען מען האָבן אַ סליחה און מחילה אויף אַלע עבירות ביים בלאָזן שופר, 'שערי תשובה לא ננעלו'.

הרה"ק רבי יחיאל מ'אלכסנדר זי"ע, איז איין יאָר פאַר די תקיעות אַרויפגעגאַנגען אויף די בימה, און מיט אויפגעהויבענע אויגן צום הימל, האָט ער געזאָגט מיט אַ שטים פון צובראָכנקייט:

- **'פנה אל תפילת הערער'** (תהלים קב, יח), ער הערט צו די נאַקיטע תפילות. **'ולא בזה את תפילתם'** - ער טוט נישט גרינגשעצן אויך אין די נאַקיטע תפילות'. (דאָס וואָרט 'ערער', האָט ער געטייטשט אַז עס איז פון לשון נאַקעט) **דער אויבערשטער הערט-אויס אונזערע תפילות אויך אויב מיר זענען חלילה נאַקעט פון מצוות און מעשים טובים.**

**סב.** הרה"ק בעל 'אהבת שלום' זי"ע פון קאָסוב האָט געזאָגט בדרך מליצה, **דער אויבערשטער כביכול וואונדערט זיך אויף זיך אַליין**, ווי אַזוי בין איך אָנגעקומען ביז אַהער, צו זיצן אויף אַ כסא דין. דאָס איז דאָך נאָר דערפאַר ווייל דער שטן האָט מקטרג געווען אויף אידישע קינדער און ער האָט מיך איבערגערעדט צו זיין אין כעס אויף די אידן. זע איך דאָך פון דעם אַז דער שטן האָט אַ גרויסן כח מיט זיינע איבעררעדענישן, און אויב אַזוי, וואָס פאַר אַ טענה האָב איך קעגן די אידן ווען זיי זינדיגן. זייער גאַנצער חטא קומט דאָך נאָר פון דעם גרויסן כח וואָס דער שטן האָט זיי איבערצורעדן... **מכח דעם טעם זעלבסט**, גייט דער אויבערשטער אַריבער פונעם כסא דין צום כסא רחמים.

אַזוי האָט דער פריערדיגער בעלזער רב, הרה"ק מהרי"ד זי"ע געטייטשט (פ' וירא) דאָס וואָס מיר זאָגן נאָכ'ן זאָגן די פרשה פון די עקידה: 'כמו שכבש אברהם אבינו את רחמיו וכו' כן יכבשו רחמיך את כעסך מעלינו'. לכאורה איז שווער, ווי אַזוי בעטן מיר אַז דער אויבערשטער זאָל ערוועקן זיין מדה פון רחמים און איינהאַלטן זיין כעס, אין צוגלייך צו אברהם אבינו ע"ה. אברהם האָט דאָך געטוהן פאַרקערט, ער האָט 'איינגעהאַלטן' זיין מדה פון 'רחמנות' און מעורר געווען די מדה פון דין און גבורה, צו שחט'ן זיין זון?

האָט דער בעלזער רב געענטפערט, חז"ל זאָגן (תנחומא, וירא, כב) אַז ווען אברהם אבינו ע"ה איז געגאַנגען צו די עקידה, איז דער שטן געקומען אים צוריקצוהאַלטן פון ברענגען יצחק'ן אויף די עקידה. ווען דער שטן האָט געזען אַז אברהם וויל אים נישט פאָלגן, האָט ער אָנגעהויבן טענה'ן פאַרשידענע מאָדנע טענות פאַרוואָס אברהם דאַרף

אַלע מצוות פון די תורה, קומט אויס אַז ווען די אידן נעמען אין די הענט זייערע שופרות און בלאָזן דערמיט, וועט נתעורר אויך אויבן אין הימל כביכול די זעלבע פעולה, און אויך דער אויבערשטער 'בלאָזט' דעמאָלס שופר, און אויף דעם זאָגן מיר, 'ובשופר גדול יתקע'.

דעם אויבערשטען'ס 'תקיעה' איז אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (בראשית ב, ז) 'ויפח באפיו נשמת חיים ויהי האדם לנפש חיה', און 'מאן דנפח מדיליה נפח' - דער וואָס בלאָזט, בלאָזט פון זיך. קומט אויס אַז דער אויבערשטער האָט אַריינגעבלאָזן חיות אין אדם הראשון פון זיין 'חיות' כביכול, און דורך דעם איז אדם הראשון געוואָרן אַ 'נפש חיה', ווייל דער אויבערשטער איז דאָך דער מקור פון לעבן, און ער האָט אַריינגעבלאָזן פון זיין לעבן אין דעם גוף פון מענטש.

**וויבאַלד** מיר ווייסן אַז 'זה היום תחילת מעשיך זכרון ליום הראשון' - ראש השנה איז געווען דער טאָג ווען אדם הראשון איז באַשאַפן געוואָרן, ממילא, ווען מיר 'בלאָזן' שופר דאָ אויף דער וועלט, זענען מיר דאָך גורם אַז אויך דער אויבערשטער כביכול זאָל בלאָזן, און ער 'בלאָזט' אַריין אַ נייע בריאה אינעם מענטש. קומט אויס, אַז דער מענטש האָט דעמאָלס מער נישט קיין שייכות מיט זיין עבר, נאָר ער ווערט געבוירן פונדאָסניי, ווי אַ נייע באַשעפעניש, און אפילו אויב ביז יעצט איז זיין מזל געווען נישט גוט ח"ו, קען זיך דאָס מזל פון יעצט און ווייטער איבערדרייען צום גוטן!

מיט אונזער קליינעם שכל, קענען מיר נישט באַגרייפן די גרויסע רחמים וואָס ווערן נתעורר דורך דעם סדר פון די תקיעות, בטל צו מאַכן אַלע שלעכטע גזירות, און משפיע צו זיין אַלע גוטע השפעות, סיי מיט סייעתא דשמיא ברוחניות[סג], אין עבודת הבורא, און סיי גוטע השפעות בגשמיות, אין בני[סד], חיי[סה], מזוני[סו], עס זאָל אונז אייביג זיין גוט.

**דער** הייליגער רוזינער זי"ע האָט געזאָגט, אַז אויב מענטשן וואָלטן געוואוסט ווי גרויס ס'איז דער 'עת רצון'

---

זיך צוריקהאַלטן פון ברענגען יצחק'ן אויף די עקידה. צום סוף האָט אברהם אים געזאָגט, ריכטיג טאַקע, ביסט גערעכט, **אָבער דו ביסט דאָך נישט קיין אַנדערער ווי דער 'שטן', און מיר האָבן אַ כלל, אַז מ'דאַרף אייביג טוהן פאַרקערט פון דעם וואָס דער שטן זאָגט...**

דאָס זעלבע בעטן מיר פון דעם אויבערשטען, ער זאָל ענטפערן פאַר די מקטרגים, יאָ, איר זענט אפשר גערעכט מיט אייערע טענות, **אָבער איך דאַרף דאָך טוהן אַלץ 'פאַרקערט' פון אייערע טענות**, און ממילא, וועל איך פאַרשרייבן די אידן בספרן של צדיקים גמורים לאלתר לחיים טובים ולשלום, אמן כן יהי רצון.

**סג.** הרה"ק רבי צדוק הכהן מלובלין זי"ע שרייבט (דברי חלומות', יד) אַז יעדע מצוה האָט אין זיך אַ ספּעציעלע קדושה, לויט דעם אור פון יענע מצוה. **די מצוה פון תקיעת שופר, ברענגט אַריין יראה אין האַרץ פונעם מענטש**, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (עמוס ג, ו) 'אם יתקע שופר בעיר ועם לא יחרדו'. און דאָס איז דער עיקר וואס דער בוכ"ע בעט, ווי דער פסוק זאָגט (דברים י, יב) 'מה ה' אלוקיך שואל מעמך כי אם ליראה את ה' אלוקיך'. און צוליב דעם איז די מצוה פון תקיעת שופר אין ראש השנה, כדי **אַריינצוגעבן יראת שמים אין האַרץ פונעם מענטש אויפ'ן גאַנצן יאָר...**

רבי צדוק הכהן פירט אויס: און אַלע געדאַנקען פון יראת שמים וואָס דער מענטש טראַכט א גאַנץ יאָר, אַלעס קומט פון דעם קיום פון די מצוה פון שופר אין ראש השנה.

אַן ענליך לשון (נאָר לגבי לימוד התורה), שרייבט רבי צדוק הכהן זצ"ל אויך אויף אַן אַנדער אָרט ('רסיסי לילה', אות לה) **אַז אונזער גאַנצער כח צו לערנען תורה במשך פון גאַנצן יאָר, קומט פונעם כח פון שופר אין ראש השנה.**

**סד. תקיעת שופר איז מסוגל אויף פקידת עקרות**, ווייל די אותיות וואָס קומען נאָך דעם וואָרט 'עקרה' זענען 'שופר', דאָס איז אַ רמז אַז דער שופר וועט זיי אַרויסנעמען פון גדר פון עקרות.

**סה.** הרה"ק בעל 'עטרת ישועה' זי"ע זאָגט ('עטרת ישועה', פ' כי תצא, ד"ה 'או יאמר כי תצא') **אַז אין זכות פון תקיעת שופר, איז מען זוכה צו אריכות ימים.** ער איז עס מרמז אין די ווערטער פון חז"ל (ר"ה כו:) 'שופר מאריך', אַז דורך דעם שופר איז מען זוכה צו אריכות ימים. אויך איז 'מאריך' פון לשון 'ארוכה' - **אַ רפואה שלימה** ('עטרת ישועה', פ' ראה).

**סו.** הרה"ק בעל 'עטרת ישועה' זי"ע האָט געזאָגט (ליל ר"ה קודם קידוש), אַז דאָס וואָרט 'תקעו' באַטרעפט 576, אַזוי ווי 'עושר'. דאָס איז אַ רמז אַז **דער שופר איז בכח צו עפענען די טויערן פון פרנסה בהרחבה** פאַר אידישע קינדער.

ענליך שרייבט הרה"ק בעל 'תפארת שלמה' זי"ע (לר"ה, ד"ה 'תקיעת') אויף די ווערטער פון די גמרא (שבת קיז:) 'תקיעת שופר ורדיית הפת' - אַ רמז אַז **די מצוה פון תקיעת שופר איז משפיע פרנסה.**

וואָס הערשט ביי תקיעת שופר, וואָלטן זיי אָנגעכאַפּט די ציים מיט ביידע הענט[סז]. ('עירין קדישין' השלם)

**ויעשו כולם אגודה אחת - דורך טוהן חסד קען מען בעטן פאַר 'מדת החסד והרחמים'**

**מיר** זאָגן אין די תפילות פון די ימים נוראים, 'ותשובה, ותפלה, וצדקה, מעבירין את רוע הגזירה'.

**מורא'דיגע** ווערטער שרייבט דער 'לקט יושר' (הלכות ימי הסליחות, יב), אין נאָמען פון דער מהר"ם מינץ ז"ל, ווי אַזוי קען מען בטל מאַכן שווערע גזירות? דורך די מצוה פון גמילות חסדים[סח]. דער פסוק זאָגט דאָך (משלי יט, יז) 'מלוה ה' חונן דן', און די גמרא זאָגט (ב"ב י.) אז רבי יוחנן האָט געזאָגט, אַז ווען נישט וואָס עס שטייט אַזוי אין פסוק, וואָלט מען עס נישט געקענט זאָגן, 'כביכול, עבד לוה לאיש מלוה', אַז דער איבערשטער ווערט אַזוי ווי איינער וואָס באָרגט פונעם מענטש.

**מיר** האָבן אַ קיימא לן (חו"מ סי' יד, ס"א) אַז דער 'תובע' (וואָס מאָנט געלט ביי אַ צווייטן) דאַרף נאָכגיין נאָך דעם

---

עס שטייט אין ספר 'שער המלך' (שער ג, פ"ד) אַז ווען מ'בלאָזט שופר, און מ'מאַכט פריער די ברכה, זאָל מען נתעורר ווערן מיט אַ גרויס געוויין, ספעציעל **ווען מ'ענטפערט 'אמן' נאָך די ברכה, ווייל דעמאָלס ווערט פאַרשריבן די קצבה פון פרנסה און די גאַנצע שפע פאַר'ן גאַנצן קומענדיגן יאָר**, ע"כ.

**סז.** עס שטייט אין ספר 'אור דוד' (פון הגאון רבי דוד מייזליש זצ"ל) אויף די ווערטער פון די גמרא (ר"ה כז:) 'כל הקולות כשרין בשופר', אַלע קולות זענען כשר ביי אַ שופר. סיי אויב דאָס קול פון דעם שופר איז געווען דיק, און סיי עס האָט אַרויסגעגעבן אַ דינעם קול, איז דער שופר כשר, און מ'האָט יוצא געווען די מצוה פון תקיעת שופר.

זאָגט דער 'אור דוד', אַז דאָס איז אַ רמז, אַז **ווען מ'בלאָזט שופר הערשט אַ גרויסער 'עת רצון' אין הימל**, און עס שטאַרקן זיך די רחמים, און **עס ווערן דעמאָלס אָנגענומען אַלע תפילות.** אַלע 'קולות' וואָס מ'האָט געדאַווענט אין משך פון יאָר, זענען כשר און זענען אָנגענומען געוואָרן פאַר דעם אויבערשטען סיי אַ 'דיקער' קול, דאָס הייסט, אויב מ'האָט מתפלל געווען אויף גשמיות'דיגע געברויכן, ענינים פון עולם הזה, און סיי אויב דאָס קול איז געווען 'דין', דאָס הייסט, פאַר עבודת השם יתברך, אַלעס ווערט 'כשר' ווען מ'בלאָזט שופר...

**סח.** די גמרא (ברכות יח.) דערציילט אַ מעשה, אַ חסיד האָט געגעבן אַ 'דינר' פאַר אַן אָרימאַן ערב ראש השנה אין אַ הונגער יאָר. זיין ווייב האָט זיך געקריגט מיט אים וועגן דעם, און ער איז דעריבער געגאַנגען נעכטיגן אינעם בית הקברות, און דאָרט האָט ער געהערט צוויי 'רוחות' (נשמות) רעדן איינע צו די אַנדערע. האָט איינע געזאָגט צו די צווייטע, קום, לאָמיר אַרומפליען איבער דער וועלט, און מיר וועלן הערן 'מאחורי הפרגוד' וואָס פאַר אַ פּורענות עס קומט ח"ו אויף דער וועלט. האָט די צווייטע איר געענטפערט, איך קען עס נישט טוהן, ווייל איך בין באַגראָבן אין אַ 'מחצלת' פון שטעקעלעך. ענדערש זאָלסטו גיין, און וואָס דו וועסט הערן, זאָלסטו מיר איבערדערציילן. איז די אַנדערע נשמה אַרומגעפלויגן און ווען זי איז צוריקגעקומען, האָט די ערשטע איר געפרעגט, וואָס האָסטו געהערט מאחורי הפרגוד? האָט זי געענטפערט, איך האָב געהערט אַז יעדער איינער וואָס וועט איינזייען ביי די ערשטע 'רביעה', וועט אַ האָגל אויסקלאַפּן די תבואה.

און אַזוי איז טאַקע געווען. יענע איד אינעם בית הקברות האָט טאַקע געוואַרטן און ער האָט ערשט איינגעזייט אין די צווייטע 'רביעה', און די תבואה וואָס אַלע מענטשן פון דער וועלט האָבן איינגעזייט, איז קאַליע געוואָרן, אָבער זיין תבואה, איז נישט קאַליע געוואָרן.

דאָס קומענדיגע יאָר, האָט ער ווידעראַמאָל איבערגענעכטיגט אין אַ בית הקברות, און ער האָט געהערט ווי צוויי נשמות רעדן צווישן זיך. האָט איינע געזאָגט צו די צווייטע: קום און לאָמיר אַרומשוועבן איבער דער וועלט, און מיר וועלן הערן 'מאחורי הפרגוד' וואָס פאַר אַ שטראָף עס וועט קומען אויף דער וועלט. האָט די צווייטע ווידעראַמאָל געזאָגט צו איר, איך האָב דאָך דיר שוין געזאָגט, אַז איך קען נישט אַרומפליען, ווייל איך בין באַגראָבן געוואָרן צווישן שטעקעלעך, נאָר ענדערש זאָלסטו גיין, און וואָס דו וועסט הערן, זאָלסטו מיר קומען זאָגן. האָט זי ווידער אַרומגעשוועבט, און ווען זי איז צוריקגעקומען און די אַנדערע נשמה האָט זי געפרעגט וואָס זי האָט געהערט, האָט זי געענטפערט, איך האָב געהערט, אַז יעדער וואָס וועט איינזייען תבואה ביי די צווייטע 'רביעה', וועט זיין תבואה פאַרפלייצט ווערן. נו, שומע ועושה, ער האָט טאַקע איינגעזייעט ביי די ערשטע 'רביעה', און די תבואה פון דער גאַנצער וועלט (וועלכע האָבן איינגעזייעט ביי די צווייטע) איז פאַרפלייצט געוואָרן, אָבער זיין תבואה איז נישט פאַרפלייצט געוואָרן.

**לאמיר זיך מתבונן זיין**, דער דאָזיגער חסיד איז געוואָרן רייך, און האָט איבערגעשטיגן מיט זיין רייכטום אַלע עשירים פון דער וועלט, ווייל די תבואה פון דער גאַנצער וועלט איז חרוב געוואָרן, און נאָר זיין תבואה איז געווען ניי פון היי יאָר. און **צו דעם אַלעם האָט ער זוכה געווען ווייל ער האָט געגעבן צדקה, אַ דינר פאַר אַן אָרימאַן, און זיין פרוי איז געווען בייז אויף אים.**

עס ווערט געברענגט (׳עיון יעקב׳, על העין יעקב) אַ טעם פאַרוואָס ער איז געגאַנגען שלאָפן דווקא אינעם בית הקברות, און נישט אין שול, ווייל **ער האָט נישט געוואָלט אַז ס'זאָל אַרויסגיין אַ שלעכטער נאָמען אויף זיין פרוי, אַז זי האָט אים אַזוי באַ'עוול'ט ראש השנה ביינאַכט.** ממילא איז דאָ געווען פון זיין זייט, אַ **'וותרנות בתוך וותרנות'**, און נישט נאָר וואָס ער האָט געשוויגן און ער האָט איר נישט געענטפערט אויף דעם וואָס זי האָט אים דערצערנט, נאָר ער האָט אויך חס געווען אויף איר כבוד, און אין דעם זכות האָט ער זוכה געווען צו ווערן דער גרעסטער עושר אין דער וועלט.

איין יאָר ראש השנה, איז הרה"ק רבי ישכר בער זי"ע פון ראַדאשיץ, אַריינגעקומען גאָר שפּעט צו די תקיעות. ווען ער איז אַריינגעקומען אין שול, האָט ער דערציילט אַ מעשה, וואָס האָט פּאַסירט ביי זיין רבי'ן, דער הייליגער רבי פון לובלין זי"ע, אַז ער האָט זיך אַמאָל אויפגעהאַלטן אַ לאַנגע צייט ביז ער איז אַריינגעקומען צו תקיעת שופר, ווייל ער האָט זיך באַטראַכט אַלס נישט ראוי צוצוגיין בלאָזן. ער האָט נאָכגעזוכט אין זיינע מעשים, צו טרעפן אַ זכות פאַר זיך ווען ער גייט מקיים זיין די מצוות היום, ביז ער האָט נאָך אַ לאַנגע צייט זיך דערמאָנט אַ גוטע זאַך וואָס ער האָט געטוהן. ער האָט זיך געשטאַרקט, און דאַן זיך גענומען צו די עבודת הקודש. ער האָט דערציילט ווי פאָלגענד:

דער לובלינער זי"ע האָט זיך אַמאָל אָפּגעשמועסט מיט זיין משמש בקודש, אויפצושטיין פרי כדי עוסק צו זיין אין מקיים זיין אַ געוויסע מצוה. יענע נאַכט, האָט אָבער דער משמש פאַרגעסן צוצוגרייטן ביים בעט פון רבי'ן, וואַסער זיך צו וואַשן 'נעגל וואַסער'. אינדעפרי, ווען די רבי האָט געזען אַז ער קען נישט שטעלן זיין פוס אויף דער ערד, האָט ער בלית ברירה צוגעוואַרט ביז דער משמש וועט קומען, אָבער דער משמש איז נישט אַריינגעקומען. דאָס האָט גורם געווען גרויס צער פאַר'ן רבי'ן פון לובלין, אַז צוליב די אומפאַראַנטוואָרטליכקייט פון דעם משמש, וועט ער דאַרפן אָפּלייגן דעם קיום המצוה. ער האָט שוין אַפילו אָפּגעמאַכט ביי זיך, אַז ווען דער משמש וועט אָנקומען, וועט ער אים גוט אויס'מוסר'ן, אָבער דערנאָך האָט דער לובלינער זיך באַרעכנט, פאַרוואָס זאָל ער זיך בייזערן? די גאַנצע איילעניש איז דאָך נאָר געווען כדי מקיים צו זיין אַ מצוה און טוהן אַ נחת רוח פאַר דעם אויבערשטען ברוך הוא. און אָט האָט ער יעצט געזען אַז **דעם אויבערשטען'ס רצון איז אַז ער זאָל נישט גיין טוהן די מצוה יעצט**, ממילא, וואָס האָט ער זיך צו בייזערן? ער האָט אַלזאָ באַשלאָסן איינצוהאַלטן דעם כעס, און אויפנעמען דעם משמש בסבר פנים יפות.

אַזוי האָט דער לובלינער טאַקע געטוהן. ווען דער משמש איז ענדליך אָנגעקומען, האָט דער רבי פון לובלין איינגעהאַלטן זיין כעס מיט איבערנאַטורליכע כוחות, און ער האָט אים אויפגענומען גאָר שיין, בסבר פנים יפות. ווען ער האָט זיך דערמאָנט אין דער דאָזיגער מעשה, איז ער אַריינגעקומען צו תקיעת שופר.

**כאָטש מיר האָבן נישט אַפילו די מינדעסטע השגה אין דער גרויסקייט און הייליגקייט פון רבי'ן פון לובלין זי"ע, איז דאָס אַ לימוד פאַר אונז, אַז די עיקר גדלות פון אַ מענטש איז ווען ער האַלט זיך צוריק פון אַ כעס...**

און אָט איז אַ מורא'דיגע מעשה, וואָס עס האָט דערציילט אַ יונגערמאַן פון אונזער חבורה, אַז עטליכע יאָר פלאָגט ער זיך שוין זייער שטאַרק מיט פרנסה, און בלית ברירה האָט ער געמוזט באָרגן געלט פון מענטשן, ביז ער איז פאַרזינקען געוואָרן 'ראשו ורובו' אין דעם 'עולם הגלגולים'... טאָג-טעגליך, באַלד נאָכ'ן אויפשטיין אינדערפרי, נאָכ'ן זאָגן 'מודה אני' און זיך וואַשן די הענט, פלעגט ער טעלעפאָנירן צו די באַנק, כדי אויסצוגעפינען וויפיל געלט מ'דאַרף דעקן דעם היינטיגן טאָג... זיין מצב איז שוין דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ער פלעגט שטיין לאַנגע שעה'ן אין דער באַנק נעבן דעם 'עי טי עם' מאַשין צו "כאַפּן" מענטשן וואָס נעמען אַרויס געלט פון דער מאַשין, און בעטן פון זיי אַ הלוואה, כאָטש אויף איין טאָג... ס'איז 'לא יאומן כי יסופר' דאָס גרויסע דחקות וואָס ער האָט געליטן, און ס'איז ליידער מקוים געוואָרן ביי אים 'בהידור', די ווערטער פון חז"ל וועגן אַן אָרימאַן, אַז זיין לעבן איז קיין לעבן נישט...

עטליכע טעג פאַר יום כיפור תשפ"א, האָט דער יונגערמאַן געהערט וועגן די סגולה צו מאַכן 'פּתיחת הארון' ביי נעילה, אַז עס עפנט אַלע פאַרמאַכטע טויערן, און האָט באַקומען גרויס השתוקקות מקיים צו זיין די דאָזיגע מצוה פון פּתיחת הארון. די 'מצוה' קאָסט אָבער זייער טייער אין רוב בתי מדרשים, און נאָר די רייכערע אידן קענען זיך דאָס ערלויבן... איינער ווי ער, קען קיינמאָל נישט צוקומען דערצו... ער האָט אָבער געהערט אַז אין אַ געוויסע שול פאַרקויפט מען נישט דעם זכות פון פּתיחת הארון, ווייל ס'זענען דאָרטן דאָ ווייניג מתפללים, און קיינער 'זוכט' נישט

'נתבע' (דאָס הייסט, ער מוז גיין האַלטן דעם דין תורה ביים בית דין צו וועלכן דער 'נתבע' וויל זיך שטעלן). פונדעסטוועגן, ביי אַ הלוואה, איז דער לוה (וואָס איז דער 'נתבע') מחויב צו גיין נאָך דעם 'תובע' - דעם מלוה. ממילא, אויב דער אויבערשטער כביכול איז אַזוי ווי אַ 'לוה', וואס באָרגט פון איינעם וואָס טוט אַ חסד מיט'ן מלוה, קומט אויס אַז דער מענטש, וואָס איז דער 'מלוה', איז בכח צו באַשליסן פאַר וועלכן בית דין ער וויל זיך אַוועקשטעלן צום משפט. ממילא, קען ער טענה'ן אַז ער וויל שטיין פאַר מדת החסד און רחמים, און נישט פאַר מדת הדין[סט].

אַזוי טייטשן די ספרים, די ווערטער וואָס מיר זאָגן ביים דאַווענען אין די ימים נוראים 'ויכון בחסד כסאך ותשב עליו באמת'. דורך דעם וואָס מ'טוט אַ גמילות חסד, איז מען בכח צו באַשליסן אויף וועלבע שטוהל דער אויבערשטער כביכול זאָל זיך זעצן אונז צו משפט'ן[ע].

---

די דאָזיגע סגולה. אדרבה, אָפט מאָל גיט מען עס אַוועק אַפילו פאַר יונגע קינדער. איז ער תיכף ומיד אַריבערגעגאַנגען צום הויפט 'גבאי' פון יענע שול, און אים געבעטן ער זאָל אים געבן 'פתיחת הארון'. דער גבאי פון דער שול, האָט גערן אים אַוועקגעשאָנקען דעם זכות, און ער האָט 'געקויפט' אַ זיץ אין יענע שול אויף יום כיפור.

ווען עס איז אָנגעקומען די צייט פון תפילת נעילה, איז ער געווען גרייט צוצוגיין צו 'פתיחת הארון'. ער איז געווען פול מיט איבערראַשונג, אַז אָט-אָט וועט זיין מזל זיך טוישן צום גוטן, און ער וועט אַרויפקומען 'מבירא עמיקתא לאיגרא רמא'... צו זיין אַנטוישונג, האָט ער אָבער באַמערקט אַז איינע פון די מתפללים איז צוגעגאַנגען צום 'גבאי שני', און געבעטן ער זאָל אים צולאָזן צו 'פתיחת הארון'. דער צווייטער גבאי האָט איינגעשטימט, און איז צוגעגאַנגען צום הויפט גבאי, וועלכער האָט אים אָבער געזאָגט, אַז ליידער, האָט ער עס שוין אַוועקגעגעבן פאַר דעם אַנדערן... יענער האָט אָבער געפאָדערט פתיחה פאַר זיך, מיט דער טענה, אַז ער איז דאָ אַ מתפלל קבוע, און דער צווייטער (אונזער יונגערמאַן) איז נאָר אַ גאַסט... אַלזאָ, ס'איז אים געוואָרן 'פינצטער אין די אויגן', וויל ער האָט דאָך אַזוי שטאַרק אַרויסגעקוקט אויף פתיחת הארון, און ער איז פאַר דעם צוועק אַפילו געגאַנגען דאַווענען אַהין, כאָטש ער איז נישט געוואוינט צו יענע שול, און בעיקר, וויל מ'האָט דאָך אים צוגעזאָגט... ער האָט זיך אָבער דערמאנט וואָס צדיקים האָבן געזאָגט, אַז פון אַ וותרנות קען מען נישט שאָדן האָבן... **האָט ער באַלד מודיע געווען, אַז ער איז מוותר אויף זיין זכות, אַבי ס'זאָל נישט זיין מחלוקת ביי אידן.**

דער יונגערמאַן האָט אויסגעפירט: מיר האַלטן שוין ביים סוף פונעם יאָר, און דאָס רעדל האָט זיך איבערגעדרייט בחסדי השם, **אַלעס האָט אָנגעהויבן גיין 'מעלה מעלה'**. נישט נאָר ענדיג איך דעם חודש בכבוד, נאָר איך האָב שוין אַפילו באַוויזן אַריינצולייגן געלט אין פאַרשידענע גמילות חסדים קאַסעס...

פון די מעשה לערנען מיר, אַז איינער וואָס איז אַ רודף צדקה, וואָס אין דעם כלל איז אויך איינער וואָס איז מוותר פאַר אַ צווייטן, 'ימצא חיים צדקה וכבוד'. **און אויב פתיחת הארון ביי נעילה איז אַ גוטע סגולה, איז דאָך אַוודאי אַ וואונדערליכע 'סגולה' נישט צו מאַכן אַ 'פתיחה' פאַר אַ מחלוקת... ישמע חכם וילמד לקח, יעדער איינער, אויף זיין אופן.**

**סט.** אַ יונגערמאַן וועלכער איז געווען אַ חסיד פון הרה"ק רבי שלמה'קע זוועהילער זי"ע, איז אַמאָל געווען במשך דעם גאַנצן טאָג ראש השנה ביים בעט פון זיינס אַ פריינט וועלכער איז געווען נישט געזונט ל"ע, און ער איז געקומען אין שול נאָר צו די תקיעות. ווען רבי שלמה'קע האָט אים געזען, האָט ער געזאָגט: **'דער איד איז אַ בן עולם הבא** (כאָטש געוועינליך, האָט מען נישט געהערט פון אים אַזעלכע ווערטער), ווייל גמילות חסדים האָט אַ כח אַז מ'איז זוכה דורך דעם צו עולם הבא.

קען מען צושטעלן צו דעם וואָס הרה"ק רבי יאַנקעלע פשעוואָרסקער זי"ע האָט געזאָגט אויף די גמרא (מגילה לב.) אַז דער מענטש וואָס מאַכט 'גלילה' אויף די ספר תורה, באַקומט שכר מער ווי אַלע. האָט רבי יאַנקעלע געזאָגט בדרך רמז ומליצה, **'יאַך זאָג פשט, אַז דער מענטש וואָס איז 'גולל', ער פאַרמאַכט זיין ספר, כדי צו גיין העלפן אַ צווייטן איד, באַקומט ער שכר קעגן אַלע...'**

מורא'דיגע ווערטער, געפינען מיר אין 'מטה אפרים' ('אלף המגן', סי' תקפג סק"ד) אין נאָמען פון ספר 'אמרי קודש': דער וואָס איז מקפיד עס זאָל זיין ביי זיין טיש אַ גאַסט ביי יעדע סעודה, ווערט אים גערעכנט גלייך אַזוי ווי ער וואָלט אין זינען געהאַט אַלע כוונות האריז"ל.

**ע.** מיר האָבן געהערט אַ מעשה נורא פון איינע פון די צדיקי הדור שליט"א, אַז ער האָט געהערט פון הרה"ח ר' הערשל האָפערט, וואָס ער האָט געהערט די מעשה פונעם בעל העובדא אליינס. וכה היה מעשה: אין דער

מיר זענען מתפלל צום באַשעפער, יהי רצון מלפני אבינו שבשמים, שתחדש עלינו שנה טובה ומתוקה, תחל שנה וברכותיה, און מיר זאָלן בקרוב זוכה זיין צו די גאולה שלימה במהרה בימינו אמן.

---

ביטערער תקופה פון דער צווייטער וועלט מלחמה, ווען דייטשע אַרמיי עראָפּלאַנען האָבן באָמבאַרדירט די שטאָט לאָנדאָן, זענען פילע טויזנטער מענטשן אַנטלאָפן פון דער בריטישער הויפטשטאָט, צו דער דרום-זייט פון ענגלאַנד. אויך דער שאָצער רבי, הרה"ק רבי שלום מאָסקאָוויטש זי"ע, איז אַנטלאָפן פון לאָנדאָן, און איז אָנגעקומען אין געיטסהעד.

דער שאָצער רבי האָט זיך געפירט צו האָבן שטענדיג געסט סמוכים על שולחנו. אין יענע שווערע מלחמה צייטן האָט געהערשט אַ מאַנגל אין עסן. מ'האָט געקענט באַקומען פיש און פלייש נאָר מיט ספּעציעלע 'וואַוטשערס', און אויך דאַן, האָט מען געטיילט נאָר קליינע פּאָרציעס. מעהל, צוויבל און קאַרטאָפל איז יאָ געווען בריווח, און דאָס איז געווען דער הויפּט-מאכל פון די פליטים אין יענע שווערע צייטן. במשך פון דער וואָך, פלעגט מען איינטינקען ברויט אין קאַרטאָפל-זופּ, און נאָר אויף שבת האָט מען געקאָכט לכבוד סעודת שבת קודש, וואַסער מיט אַביסל פלייש דערין, וואָס מ'האָט עס אָנגערופן 'זופּ'. אויף דער סעודה פון שבת בייטאָג, פלעגט מען אַריינלייגן אַביסל פלייש אין די קאַרטאָפל, וואָס מ'האָט אָנגערופן 'טשאָלענט'...

ראש השנה תש"ה, איז געווען מאָנטאָג און דינסטאָג, און לכבוד דעם לעצטן שבת פון יאָר תש"ד, האָט דער איינציגער 'בעקער' אין געיטסהעד, געבאַקן חלות אַזוי ווי געוועינליך, אָבער לכבוד יום טוב, ראש השנה, האָט ער ערשט געבאַקן חלות מוצאי שבת, ביז 4 אַזייגער פאַרטאָגס, און דערנאָך איז ער געגאַנגען זאָגן די סליחות 'זכור ברית'. אין לויף פונעם טאָג, ערב ראש השנה, האָט דער בעקער געפאַסט, אַזוי ווי ער האָט זיך געפירט צו פאַסטן יעדעס יאָר ערב ראש השנה, און צוליב דעם, האָט ער במשך'ן טאָג נישט געבאַקן חלות, אַזוי אַז ס'איז נישט געווען גענוג חלות פאַר אַלע אידן אין שטאָט, אויףביידע טעג ראש השנה.

די ערשטע נאַכט ראש השנה נאָך די סעודה, האָט דער משמש געלאָזט וויסן פאַר'ן שאָצער רבי'ן, אַז אויף דער סעודה פון ערשטן טאָג ראש השנה, איז נאָך דאָ אַ 'כזית' חלה פאַר אַלע אָנוועזנדע ביי זיין טיש, וואָס איז באַשטאַנען פון בערך 30 נפשות בלע"ה, אָבער אויף דער צווייטער נאַכט יום טוב - שוין אָפּגערעדט פון דעם צווייטן טאָג ראש השנה - איז נישט דאָ אַפילו איין כזית צו עסן לכבוד יום טוב. דאָס אַלעס דערפאַר ווייל דער בעקער האָט נישט געוואָלט מוותר זיין אויפ'ן זאָגן די סליחות פון 'זכור ברית', און נאָך געהויבענע ענינים וואָס ער האָט זיך געפירט צו טוהן יעדעס יאָר ערב ראש השנה. (אַנדערע יאָרן, פלעגט ער באַקן די חלות פאַר ערב ראש השנה, אָבער וויבאַלד יענער יאָר תש"ה, איז דאָך שבת געווען דער טאָג פאַר ערב ראש השנה, האָט ער נישט געבאַקן גענוג חלות לכבוד יום טוב).

צומאָרגנס, דעם ערשטן טאָג ראש השנה אינדערפרי, איז דער שאָצער רבי אויפגעשטאַנען 4 אַזייגער פאַרטאָגס, און געגאַנגען זיך טובל'ען אין מקוה. אויפ'ן וועג, איז אים אַנטקעגן געקומען דער בעקער. האָט דער שאָצער רבי אים געזאָגט:

**- אָט בין איך אויפ'ן וועג צו דיר אַהיים** (נאָכ'ן זיך טובל'ען אין מקוה)**, ווייל איך וויל דיר זאָגן: יעצט איז פיר אַזייגער פאַרטאָגס. ביי אונזער מנין, וועט מען בלאָזן שופר אי"ה 12 אַזייגער, אַזוי אַז דו האָסט נאָך אַכט שעה צייט ביז די תקיעות... גיי, אַלזאָ, צו דער בעקעריי, און זע אָפּצובאַקן גענוג חלות פאַר אַלע אידן אין שטאָט, ווייל דו ביזט פּטור פון זאָגן תהלים, און תפילת שחרית קענסטו דאַווענען ווען די חלות באַקן זיך. דו זאָלסט קומען אין בית המדרש אַריין צו תקיעת שופר, און אויב דו וועסט אָנקומען אין שול נאָך 12 אַזייגער, וועל איך וואַרטן אויף דיר מיט די תקיעות...**

האָט דער בעקער, אַ דערציטערטער, געזאָגט צום שאָצער רבי'ן:

- היינט איז דער יום הדין, 'היום יעמיד במשפט כל יצורי עולמים'. איך בין אויפגעשטאַנען פרי כדי אויסצוזאָגן גאַנץ תהלים פאַר'ן דאַווענען. ווי אַזוי קען איך יעצט גיין אין דער בעקעריי, און זיך אָפּגעבן מיט אַזעלכע 'גשמיות'דיגע' ענינים?!...

האָט דער שאָצער רב געזאָגט צו דעם בעקער:

**- זאָרגט נישט, איך וועל זאָגן תהלים אנשטאָט דיר...**

האָט דער בעקער ווייטער גע'טענה'ט: 'אָבער וואָס וועל איך טוהן מיט'ן זאָגן 'לא-ל עורך דין', און די אַנדערע פיוטים?...' האָט דער שאָצער רב אים געזאָגט, אַז אויך די פיוטים, וועט ער זאָגן אנשטאָט אים... האָט דער בעקער

געפרעגט דעם שאָצער רב, אויב אין הימל וועט ער זיך אויך וועלן בייטן מיט אים, אַז עס זאָל דאָרט גערעכנט ווערן גלייך ווי ער (דער בעקער) איז געשטאַנען אין שול און גדאַוונט אַ גאַנצן טאָג ראש השנה, דער 'יום הדין הגדול והנורא', און דער רבי איז געשטאַנען און געבאַקן חלות... האָט דער שאָצער רב אים געענטפערט:

- **אַוודאי בין איך מסכים דערצו. אָבער אויב דו ביזט אויך מסכים דערצו, זע איך אַז דו ביזט בכלל נישט קיין 'סוחר'...**

מיט זיין הייליגן שכל, האָט דער שאָצער רב פאַרשטאַנען אַז ס'איז נישט פאַרהאַן אַ גרעסערער זכות אין ראש השנה, ווי צו באַקן חלות פאַר אידן, און זאָרגן אַז אידישע קינדער זאָלן האָבן וואָס צו עסן. (אַוודאי דאַרף יעדער איינער פון אונז זיך משתדל זיין אויסצושטעלן זיין סדר היום צו קענען זיך געפינען אין די הייליגע טעג אין שול און מתפלל זיין ערליך צו דעם אויבערשטען, אָבער וויבאַלד דער בעקער האָט נישט געזען דערצו אַז עס זאָלן זיין גענוג חלות פאַר אידן אין יום טוב, איז ער אַוודאי געווען מחויב צו באַקן חלות פאַר זיי, אנשטאט דאַווענען ראש השנה אין שול).

# כל המוסיף לבקש רחמים זכות הוא לו

מיר האָבן געהערט פון דעם בעל העובדא אַ מורא׳דיגע מעשה וואָס האָט לעצטנס פּאַסירט מיט אים. דער יונגערמאַן, אַ בן עליה, וואָס זיצט און לערנט בהתמדה, האָט שוין זוכה געווען חתונה צו מאַכן צוויי פון זיינע קינדער, און עס האָבן זיך אים אָנגעזאַמלט גרויסע חובות וואָס ס׳איז אים שווער געווען צו דערהייבן. האָט זיין בני בית אים געבעטן ער זאָל נעמען אין האנט דעם וואַנדער-שטעקן און זיך אַרויסלאָזן איבער ימים ונהרות, כדי מזכה צו זיין אידן נדיבי עם מיט די גרויסע מצוות פון הכנסת כלה און החזקת תלמיד חכם.

דער איד, וועלכער איז גאָר אַן איידעלער מענטש, האָט נישט געוואוסט ווי אַזוי ער וועט דאָס קענען אויספירן, ווי אַזוי וועט ער וואַגן אויסצושטרעקן אַ האַנט צו אַ צווייטן... ער האָט אָבער צום סוף נישט געהאַט קיין ברירה. און ער האָט זיך געמוזט אַרויסלאָזן אויף אַ נסיעה קיין אַמעריקע. וויבאַלד ער איז אָבער נישט געווען אַ מומחה אין דעם ׳פאַך׳, האָט עס כמעט נישט ׳געאַרבעט׳... אַזוי אַז אין דער לעצטער נאַכט איידער ער הרא געזאלט אַהיימגעפאָרן, האָט ער געמאַכט אַ חשבון פון זיינע פאַרדינסטן און געזען אַז ער האָט אפילו נישט באַוויזן צו דעקן די הוצאות פון דער נסיעה. ער איז געוואָרן זייער צובראָכן, טראַכטנדיג ׳מאין יבוא עזרי׳...

אין די שפּעטע נאַכט-שטונדן איז דער איד אַריינגעגאַנגען אין דער באַקאַנטער ׳שומרי שבת׳ שול אין באָראָ פּאַרק. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקל, און מתפלל געווען צום באַשעפער בדמעות שליש, אולי יחוס עם עני ואביון, אולי ירחם...

אַרום 2:30 פאַרטאָגס, איז צוגעקומען צו אים אַ איד וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ ׳בר הכי׳, און אים געפרעגט פאַרוואָס ער וויינט אַזוי. לכתחילה האָט דער יונגערמאַן אים נישט געוואָלט ענטפערן, אָבער ווען יענער האָט אים שטארק געבעטן ער זאָל אים דערציילן פאַרוואָס ער איז אַזוי פאַרקלעמט, האָט ער זיך געעפנט און ער האָט אים דערציילט אלעס וואָס עס האָט מיט אים פּאַסירט, און אַז ער פאָרט אהיים מיט ליידיגע הענט. ער ווייסט נישט ווי אַזוי ער וועט קענען וויזן זיין פּנים פאַר זיינע בעלי חובות.

האָט דער איד רחמנות באַקומען אויף אים, און ער האָט אַרויסגענומען פון טאַש אַ טשעק-ביכל, אונטערגעשריבן אַ ליידיגן טשעק, און אים געזאָגט, ׳מאך דיר אַ חשבון פון דיינע חובות, און דו קענסט שרייבן אויפ׳ן טשעק ביז **150 טויזנט דאָלאַר** ... "די דארפסט זיך נישט זארגן, דער טשעק האָט דעקונג..."

איבעריג צו זאָגן די גרויסע שמחה וואָס האָט אַרומגענומען דעם איד, וועלכער איז אין איין סעקונדע ארויפגעשפרינגען 'מבירא עמיקתא לאיגרא רמא'... ער איז צוריקגעגאַנגען אין זיין אכסניא, כדי זיך אַראָפּצולייגן דעם קאָפּ, נאָך מערערע שלאָפלאָזע נעכט פון דאגות...

אינדערפרי ווען ער האט געענדיגט דאַווענען און דאנקן דעם אויבערשטען פאַר דעם חסד וואָס ער האָט געטוהן מיט אים, האָט ער געשפּירט אַ שטאַרקן הונגער, ווייל ער האָט שוין אַ לאַנגע צייט נישט געגעסן געהעריג. ער האָט געטראַכט ביי זיך, "ברוך השם, איך קען גיין עסן כאחד האדם, און איך דאַרף נישט אַריינגיין עסן אין 'הכנסת אורחים'..." איז ער אריין אין א לאקאלע געשעפט און זיך באַשטעלט אַ סעודה, אַזוי ווי ס'איז איינגעפירט ביי חשוב'ע בעלי בתים. דער 'פרישטאג' האָט געקאָסט **אַכט און פערציג דאָלאַר.** ווען ער האָט געענדיגט עסן און געבענטשט, האָט ער געוואָלט באַצאָלן, אָבער ער האָט נישט געטראָפן אין טאַש אַפילו אַ פּרוטה. האָט ער געבעטן פונעם 'וועיטער' רשות צו גיין צו דער אכסניא און ברענגען געלט צו באַצאָלן. יענער האָט אָבער געזאָגט, איך בין נישט דאָ דער בעה"ב, נאָר אַן אַרבעטער, און עס האָט שוין פּאַסירט דאָ, אַז מענטשן האָבן זיך דאָ אָנגעזעטיגט מיט אַ סעודה, און זענען קיינמאָל נישט צוריקגעקומען באַצאָלן... און דערנאָך האב איך געדאַרפט באַצאָלן דעם שאָדן.

אויב דו ווילסט, קענסטו זיך פאַרבינדן מיט איינעם פון דיינע באַקאַנטע, און אים בעטן ער זאָל קומען באַצאָלן דעם חוב. אָבער דו קענסט נישט אַרויסגיין פון דער טיר אויב דו צאָלסט נישט.

דער איד האָט זיך אָבער נישט געקענט דערמאַנען פון אַ קרוב אָדער ידיד וואָס זאָל אים קומען העלפן און באַצאָלן דעם חשבון, אָבער ער האָט זיך דערמאנט אַז ער האָט אין טאַש יענעם ליידיגן טשעק. ער האָט אַרויסגענומען דעם טשעק און ער האָט עס געוויזן פאַר דעם וועיטער, און ער האָט אים געפרעגט אויב ער קען דעם איד וואָס האָט געשריבן דעם טשעק.

יענער האָט געענטפערט, יאָ, איך קען אים. ער קומט דאָ פון צייט צו צייט מיט זיין משפחה פאַר אַ מאלצייט. האָט דער יונגערמאַן אים געבעטן, איך וועל אַריבערגיין צו אים, און ער וועט זיכער באצאלן די גאנצע סעודה. דער וועיטער האָט אים אָבער נישט געוואָלט אַרויסלאָזן, און אים געזאָגט, אויב ס'איז אַזוי ווי דו זאָגסט, שרייב אויף אויפ'ן טשעק דעם סכום פון אַכט און פערציג דאָלאַר, און דערנאָך גיי איך אַריבער צו אים און בעט פון אים אַ נייעם טשעק צו דעקן די 150 טויזנט דאָלאַר...

בלית ברירה האָט ער אַזוי געטוהן, ער האָט אויפגעשריבן אויפ'ן טשעק דעם סכום פון אכט און פערציג דאָלאַר פאַר'ן פרישטאג, טראַכטנדיג אַז ער וועט אַריבערגיין בעטן יענעם נדיב אַ נייעם טשעק אויף 150 טויזנט דאָלאַר.

פון דאָרט איז ער געגאַנגען מיט אַ שווער האַרץ אַהיים צו דעם נדבן, האָפנדיג אַז ער האָט נישט פאַרשפעטיגט און פאַרפאַסט די געלעגנהייט. צו זיין באַדויערן, האָט אָבער דער נדבן שוין געטוישט זיין מיינונג, מיט'ן אויסרייד, אַז באמת פירט ער זיך נישט צו געבן אַזעלכע גרויסע נתינות, 'לא מיניה ולא מקצתיה'. נאָר וואָס דען? ער איז געשטאַנען פאַר אַ שווערן משפט אויף אַ סכום פון צוויי מיליאָן דאָלאַר, און ער האָט געבעטן דעם באַשעפער ער זאָל געווינען דעם משפט. ער האָט גענומען אויף זיך צו העלפן אַ איד מיט אלע זיינע באַדערפענישן אלס אַ סגולה. אַז אין דעם זכות זאָל דער אויבערשטער ערפילן זיינע פאַרלאַנגען און ער זאָל געווינען דעם משפט. וויבאַלד עס האָט זיך אָבער אַזוי צוגעפירט אַז דו האָסט אנגעפילט דעם טשעק נאָר כדי צו זעטיגן דיין הונגער, זעט אויס אַז דו ביזט נישט דער ריכטיגער אַדרעס, און איך דאַרף העלפן אַ צווייטן ארימאַן...

מ'קען זיך פאַרשטעלן די שווערע האַרץ ווייטאָג וואס דער יונגערמאַן האט געשפירט ווען ער איז ארויס בפחי נפש. (זעלבסט-פאַרשטענדליך, אַז דער אויבערשטער האָט ב"ה גענוג וועגן צו העלפן, און דער יונגערמאַן איז למעשה געהאָלפן געוואָרן פון אַן אַנדערן אָרט.) אָבער מיר קענען לערנען דערפון אַ וויכטיגן לימוד. דער איד האָט שוין געהאַט אין האַנט אַן אָפענעם טשעק אויף דער סומע פון הונדערט און פופציג טויזנט דאָלאַר. ער האָט שוין געקענט אַרויסגיין פריי פון אַלע זיינע חובות, נאָר ער האָט נעבעך אַלעס דערלייגט, פאַר איין גוטע סעודה...

**לאמיר זיין אַנדערש, אין די יעצטיגע טעג ווען די טויערן פון הימל זענען אָפן פאַר אונז. דער אויבערשטער כביכול גיט אונז אַן 'אָפענעם טשעק', און מיר קענען אָנפילן דאָרט מיליאָנען מיליאָנען טובות און ברכות, אַ שנה טובה ומתוקה אין אַלע ענינים, אַ כתיבה וחתימה טובה. עס זאָל מקיים ווערן 'מחוק ברחמיך הרבים כל שטרי חובותינו'. דער באַשעפער זאָל אויף אונז גוזר זיין גוטע גזירות, און מיר זאָלן פאַרשריבן ווערן אין אַלע גוטע ספרים, אין דעם ספר פון פרנסה טובה וכלכלה, ספר גאולה וישועה בכלל ובפרט. לאָמיר אַלזאָ נישט פאַרברענגען צייט מיט נאַרישקייטן, כדי מיר זאָלן נישט אַרויסגיין מיט בלויז 48 דאָלאַר...**